# דברי מוסר והתעוררות

## שהשמיע כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

## בדרשת ז׳ אדר תשפ״א לפ״ק

**התעוררות בעת צרה לתיקון המעשים • נסיון הדור כלי הטעכנעלאגיע • המכשולות במקומות העבודה ובאפיסע״ס • אל תטוש תורת אמך • הפירצות במלבושי הנשים והשייטלע״ך • גודל מעלת עבודת התפלה • לנצל יום השב״ק לעבודת ה׳ • התרחקות מחבר רע ולהתחבר לחכמי ישראל • קביעות עתים לתורה**

יוצא לאור ע״י מכון מעדני מלך וויען

**יעדער** ווייסט, אז דעם יאר וואס מיר שטייען, איז א שווער יאר פארן גאנצן כלל ישראל. עס גייט ארום א מגיפה אין די גאנצע וועלט. דער מדת הדין האט פוגע געווען אין אונז אויך, עס זענען נסתלק געווארן טויזנטער יודישע קינדער, דאהי און אין ארץ ישראל. יונגעלייט, זקנים, עס זענען איבערגעבליבן הונדערטער אלמנות, און טויזנטער יתומים. איך האב היינט גערעדט צום דאראג׳ער רב רבי אברהם לויפער, וואס ער טוט געבן א גאנץ יאר פאר די אלמנות וואס עס איז דא אין די שטאט, און אויסער די שטאט, פיש און פלייש, און אלע צרכי פסח וואס מען דארף האבן אין שטוב. עס איז א געוואלדיגע מצוה דאס מחזק צו זיין, האט ער מיר געזאגט, אז אין דעם יאר איז צוגעקומען צו זיין רשימה, דריי הונדערט און פופציג אלמנות וואס מען דארף שטיצען! אזאנס איז נאך נישט געווען דאהי אין כלל ישראל. ה׳ ירחם.

### מדרכי התשובה להתעורר בעת צרה לתיקון המעשים

**אין** אנהייב איז געווען א שטיקל התעוררות אז מען דארף עפעס טון לתיקון המעשים, און ווי יעדע זאך ברבות הימים ווערט אפגעשוואכט דאס התעוררות, מען האט זיך צוגעוואוינט, דאס איז דער מצב, און אזוי איז עס. יעדער קען זיך אליין פרעגן, וואס האט ער משנה געווען אין זיין הנהגה, פון וואס ער איז געווען פריער? - וויינינג וועלן קענען ענטפערן, אז זיי האבן געטון כך וכך. זיי זענען נתעורר געווארן פון די צרות, און זיי האבן משנה געווען זייער לעבן אויף אן אנדערן וועג.

**עס** ווייסט יעדער וואס עס שטייט אין רמב״ם (הל׳ תענית א-א), אז ביי יעדע צרה וואס עס קומט אויף א ציבור, איז מען מחויב מתפלל צו זיין, שרייען, להריע בחצוצרות. און דאס איז א חלק פון דרכי התשובה, אז ווען עס איז דא א צרה זאל מען שרייען דערויף, מען זאל וויסן אז בגלל מעשיהם הרעים הורע להן, עס קומט נישט פון זיך אליין, עס איז וועגן די מעשים רעים וואס מען טוט, וועגן דעם האט פאסירט די צרה, עונותיכם הטו אלה (ירמיה ה-כא), און דאס וועט גורם זיין, זאגט דער רמב״ם, אז עס וועט אוועק גענומען ווערן די צרה פון זיי. אבל אם לא יזעקו ולא יריעו, זאגט דער רמב״ם, אויב מען וועט נישט שרייען, אלא יאמרו, מען וועט זאגן, דבר זה ממנהג העולם אירע לנו, וואס עס האט פאסירט איז א מנהג פון די וועלט, עס איז א מחלה וואס גייט ארום אין די וועלט, און עס איז אנגעקומען צו אונז אויך, וצרה זו נקרה נקרית, עס האט פאסירט די צרה, עס איז א מקרה, הרי זו דרך אכזריות, ותוסיף הצרה צרות אחרות, זאגט דער רמב״ם, די צרה

וועט ברענגען נאכדעם נאך צרות, אזוי שטייט אין פסוק (ויקרא כו-כז) והלכתי עמכם בחמת קרי, טייטשט דער רמב״ם, אז ווען איך וועל ברענגען אויף ענק א צרה עטץ זאלטס תשובה טון, און עטץ וועטס זאגן, קרי, עס איז א מקרה וואס עס האט פאסירט, וועל איך ברענגען אויף ענק חמת קרי, עס וועלן קומען נאך צרות.

**און** וואס דער רמב״ם זאגט, איז ליידער שוין מקויים געווארן ביי אונז. אז מען שרייט נישט, און מען זאגט אז עס איז מנהג העולם, ברענגט די צרה נאך צרות. די מגיפה האט זיך שוין געהאט בארוהיגט אין מיטן פונעם זומער, און עס איז צוריקגעקומען א פרישע סטרעי״ן וואס עס גייט ארום אין די וועלט. אז מען ווערט נישט נתעורר זיך אפצוהיטן די וועגן, זאגט דער רמב״ם, ביז ווי לאנג אונז וועל מיר זאגן אז דאס איז א מקרה, עס מיינט נישט מיך, עס איז דא א צרה אויף די וועלט, אבער עס האט גארנישט צו טון מיט מיר פערזענליך, אזוי לאנג זאגט דער רמב״ם, ווייסט מען נישט וואס פארא צרות עס גייט נאכקומען נאכדעם.

**עס ליגט אויף אונז א חיוב מעורר צו זיין נאכאמאל און נאכאמאל. אונז דארף מיר זיך טוישן פון וואס עס איז געווען! אונז קען מיר נישט ממשיך זיין און גיין ווייטער אזוי ווי עס איז! די נסיונות ווערן גרעסער און שטערקער, אין הימל בעהט מען פון אונז תיקון המעשים בפועל. זיך טוישן, מתקן זיין בפועל וואס עס פעלט אויס. עס איז נישט גענוג א קרעכץ אויפן מצב וואס מיר שטייען.**

### להוליך הדברי מוסר ששומעים לתוך ביתו, ולשנות את הנהגתו

**יעדער** ווייסט די מעשה וואס מען זאגט אויפן בעל שם טוב הק׳, ער איז אמאל אריינגעקומען אין א בית המדרש, האט ער זיך אנגערופן, אז דער בית המדרש איז פול מיט תורה. האט מען געמיינט אז ער רומט דעם בית המדרש, אז דא זיצט מען און מען לערנט, איז עס אנגעפולט מיט תורה. האט דער הייליגער בעל שם טוב נאכדעם געזאגט, ער האט געמיינט לגריעותא. די תורה וואס מען לערנט בדחילו ורחימו, תורה וואס מען לערנט ערליך, דאס איז פרחת לעילא, דאס בלייבט נישט דא, דאס גייט ארויף אויבן (תיקוני זוהר תיקון י). אז מען לערנט תורה שלא לשמה, די תורה בלייבט דא אונטען. און דער בית המדרש, האט ער געזאגט, איז פול מיט תורה, עס איז אלעס געבליבן דא, עס איז לא פרחת לעילא.

**איך** מיין אז מען קען זאגן די הייליגע ווערטער פונעם בעל שם טוב הק׳ אויף אן אנדערן געדאנק. ישראל קדושים, יודען זענען באמת הייליג, מען בייגט זיך צו די אויערן, מען וויל הערן מוסר, מען וויל הערן תוכחה, מען וויל וויסן את המעשה אשר יעשון, וואס מען האט צו טון, אז נישט וואלט די בית המדרש געווען ליידיג. מען קומט, ווייל מען וויל הערן!

**אבער** אסאך מאל, מאכן נישט די ווערטער וואס מען הערט קיין רושם, אז דער מענטש זאל עס אויסנוצן מן הכח אל הפועל. אז איך גיי פון יעצט און ווייטער טון דאס וואס איך האב געהערט! אז ער זאל נעמען די דיבורים וואס ער הערט אין בית המדרש, און עס אהיים טראגן צו זיך אין שטוב אריין, און טוישן זיין שטוב, טוישן זיין הנהגה, טוישן זיין דזשאב, פון די ווערטער וואס ער האט געהערט אין בית המדרש - נישט אייביג איז עס אזוי. אסאך מאל בלייבן די דיבורים אין בית המדרש, און דער בית המדרש איז מלאה תורה, עס איז פול מיט תורה, מען לאזט אלעס איבער דא אינעם בית המדרש. תיכף ווען ער גייט ארויס פון דא, איז זיין קאפ ערגעץ אנדערש, און ער טראכט שוין גארנישט פון וואס מען האט געהערט פריער. מען פירט נישט מיט מיט זיך די תורה וואס מען האט געהערט, צו זיך אין שטוב, אז מיר גייען דאס מקיים זיין בפועל.

### חבל לשמוע דברי מוסר אם אין מקיימים הדברים

**מען** געפינט די פאריגע וואך אין די פרשה ביי א עבד, ער זאגט אהבתי את אדוני את אשתי ואת בני לא אצא חפשי, ער וויל נישט ארויסגיין פריי, והגישו אל הדלת או אל המזוזה ורצע אדוניו את אזנו במרצע ועבדו לעולם (שמות כא-ה), מען האט אים געגומען, און מען האט אים

צוגעלייגט צו די טיר, מען האט אים געבארט דעם אויער, ער זאל בלייבן א עבד ביז יובל. רש״י זאגט, וועלכע אויער האט מען געבארט, די רעכטע. או אינו אלא שמאל, אפשר האט מען געבארט די לינקע, תלמוד לומר אוזן לגזירה שוה, עס איז דא א גזירה שוה אז אוזן גייט ארויף אויף די רעכטע אויער. וואס עפעס איז די הוה אמינא אז מען זאל בארען די לינקע אויער. ביי יעדע זאך האט א חשיבות דער ימין, פארוואס דא וואלט איך געוואלט מיינען אז מען זאל בארען דעם לינקען אויער? ובכלל, וואס איז דער ענין אז מען בארט נעבן דעם דלת נעבן די מזוזה? די גמרא (קידושין כב:) שטעלט זיך שוין דערויף, מה נשתנה דלת ומזוזה מכל הכלים.

**עס** קען זיין דער פשט דערפון איז. די גמרא (שם) זאגט, מה ראה אוזן להרצע מכל שאר אברים שבגוף, פארוואס פון אלע אברים פונעם גוף האט מען גענומען דעם אויער און מען האט עס געבארט? אמר רבי יוחנן בן זכאי, אוזן זאת ששמעה על הר סיני לא תגנוב והלך וגנב תרצע, די אויער וואס האט געהערט אז מען זאל נישט גנב׳נען, און ער איז געגאנגען גנב׳נען, קומט זיך אים אז מען זאל אים בארען. דאס איז ווען מען האט פארקויפט א עבד וועגן באצאלן די גניבה. ואם מוכר עצמו, אויב ער פארקויפט זיך אליין, עס איז נישט געווען קיין גניבה. אוזן ששמעה על הר סיני כי לי בני ישראל עבדים, והלך וקנה אדון לעצמו, תרצע. דו האסט געהערט נאך א זאך ביים בארג סיני, אז דו ביסט א קנעכט פארן אייבערשטען, און דו גייסט דיר זוכן א נייעם אדון, קומט זיך אויך אז מען זאל בארן דעם אויער.

**קומט** אויס, אז די סיבה פון די ירידה וואס ער וויל בלייבן אן עבד איז, ווייל ער האט נישט מיטגענומען מיט זיך אהיים וואס ער האט געהערט ביים בארג סיני, ער האט נישט מיטגענומען צו זיך אין די שטוב, אז ער גייט זיך פירן אינדערהיים אזוי ווי ער האט דארט געהערט. נאר די ווערטער זענען אריינגעגאנגען אין איין אויער, און עס איז ארויסגעגאנגען תיכף פון דעם לינקען אויער. די ווערטער זענען נישט געבליבן אינעווייניג אינעם מענטש, אז ער זאל זיך פירן אויף דעם וועג וואס ער האט געהערט.

**דער** עבד האט געהערט כי לי בני ישראל עבדים, ער האט געהערט ביים בארג סיני לא תגנוב, און וואס איז געווען נאכדעם? ער האט איבערגעלאזט אלעס דארטן ביים בארג סיני. ווען ער איז אהיימגעגאנגען, ער האט געעפענט די טיר פון זיין שטוב, האט ער פארגעסן פון גניבה, פארגעסן פון אן עבד, וואס ער האט פריער געהערט, און ער פירט זיך אויף אנדערש.

**זאגט** די תורה, והגישו אל הדלת, זאל מען אים צולייגן צו די טיר, דארט זאל מען אים רוצע זיין זיין אויער, אים צו ווייזן, אז די סיבה פון דיין ירידה איז, דו האסט נישט מיטגעברענגט די ווערטער וואס דו האסט געהערט ביים בארג סיני, אריין צו דיר אין שטוב, דו האסט עס געלאזט אינדרויסן. ורצע אדוניו את אזנו, דער אויער וואס האט נישט צוגעהערט צו וואס ער האט געהערט ביים בארג סיני, ער האט געהערט, אבער ער האט נישט ׳דערהערט׳ וואס מען האט געזאגט אין סיני, קומט זיך אז מען זאל בארען דעם אויער.

**עס** קען זיין בדרך צחות, וואלט דאך געדארפט זיין יעצט א סברא, אז מען זאל בארען דעם לינקען אויער. עס איז אריינגעגאנגען אין די רעכטע אויער, און דער חסרון איז, אז עס איז נישט געבליבן אינעווייניג, עס איז ארויסגעגאנגען ביים לינקן אויער, וואלט מען געדארפט בארען יעצט דעם לינקן אויער, וואו די ווערטער זענען ארויסגעגאנגען. זאגט די תורה, ניין, באר אים זיין רעכטן אויער, ווייל עס איז א שאד צו הערן ווערטער וואס מען איז נישט גרייט שפעטער מקבל צו זיין! מוטב יהיו שוגגים ולא יהיו מזידין (ביצה ל.), אז דו הערסט ביים בארג סיני וואס דו האסט צו טון, און דו גייסט אהיים, און דו ברענגסט נישט מיט די ווערטער וואס דו האסט געהערט צו דיר אין שטוב אריין, זאגט די תורה, דעם אויער וואס האט געהערט דארף מען בארען. און מען בארט אים ביי דעם דלת אדער ביי די מזוזה, ווייל ער האט נישט אריינגעברענגט די ווערטער צו זיך אין שטוב.

## ונתת לעבדך 'לב שומע' - שהדברים ששומעים יכנסו בפנימיות הלב

**מען** געפונט ביי שלמה המלך (מלכים א ג-ה), אז דער אייבערשטער האט זיך מגלה געווען צו אים בחלום הלילה, און דער אייבערשטער זאגט אים, שאל מה אתן לך, בעהט פון מיר עפעס וואס איך זאל דיר געבן, און איך גיי עס דיר געבן. האט שלמה המלך געבעטן, ונתת לעבדך לב שומע, דו זאלסט געבן פאר דיין קנעכט א הארץ וואס הערט. וייטב הדבר בעיני ה', עס איז געפעלען די ווערטער אין די אויגן פונעם אייבערשטען, דער באשעפער זאגט אים, הנה עשיתי כדברך, איך גיי אזוי טון, הנה נתתי לך לב חכם ונבון, איך גיי דיר געבן א הארץ פן חכמה, אשר כמוך לא היה לפניך ואחריך לא יקום כמוך, אזא הארץ פון חכמה וועסטו האבן, וואס עס איז נישט אויפגעשטאנען פארדעם, און עס וועט נישט זיין נאכדעם, שלמה המלך איז דער חכם מכל אדם.

**דער** פשוטער טייטש וואס מיינט ער האט געבעטן א לב שומע? שומע איז דער טייטש, א הארץ וואס פארשטייט, א לב פון בינה. עס קען אפשר זיין עס ליגט דערין נאך א בקשה וואס שלמה המלך האט געבעטן. מען געפונט ביי קריעת ים סוף אז מען האט געזעהן די גרויסע ניסים וואס דער אייבערשטער האט געטון, שמעו עמים ירגזון, די פעלקער האבן געהערט, חיל אחז יושבי פלשת, עס האט אנגעכאפט א ציטער, מען זעהט קריעת ים סוף, וואסער הייבט זיך אויף, און עס שטייט, נצבו כמו נד נוזלים, אז נבהלו אלופי אדום אילי מואב יאחזמו רעד, א ציטער האט אנגעכאפט פאר דעם וואס האט עס געהערט. - וואס איז געווארן נאכדעם? א טאג נאכדעם וואס זיי האבן געהערט די אלע נסים וואס דער אייבערשטער האט געטון. נסים וואס עס איז נישט געווען זייט בריאת העולם. - האבן זיי אוועקגעווארפן זייער עבודה זרה און זיי זענען זיך געקומען מגייר זיין? מען געפינט נישט אין חז"ל אז עס זאל זיך אנלויפן גרים אינעם מדבר זיי זאלן קומען זיך מגייר זיין, ווייל זיי האבן געהערט קריעת ים סוף, אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט. וואס זיי האבן געהערט, האט נישט משפיע געווען אויף זיי גארנישט, און זיי זענען געבליבן אזוי ווי זיי זענען געווען.

**איינער** איז געווען וואס האט געהערט קריעת ים סוף, און עס האט געפועל'ט אויף אים, אז ער האט געטוישט זיין גאנצער מהלך החיים, יתרו. וישמע יתרו חותן משה את כל אשר עשה אלקים (שמות יח-א), מה שמועה שמע ובא, קריעת ים סוף ומלחמת עמלק. יתרו האט געגעבן זיין הארץ, צוגעלייגט קאפ צו די זאך וואס ער האט געהערט, און עס האט אים געברענגט, איבערצולאזן אלעס, ער איז אוועקגעגאנגען פון כבודו של עולם ווי ער איז געווען, און ער איז געקומען צו א מדבר שממה, אין א מדבר וואס איז ליידיג, וואס דארט איז דער הר אלקים. ער האט געזעהן און געהערט די ניסים ונפלאות וואס דער אייבערשטער האט געטון, עס האט אים נישט געלאזט שלאפן, און עס האט גערודערט אין אים, און ער האט אלעס איבערגעלאזט און ער איז געקומען מקבל זיין תורה אין מדבר.

**די** שמועה וואס ער האט געהערט, איז אריינגעגאנגען אין דיביינער פון יתרו, אז עס איז דא אזא גרויסער באשעפער וואס קען מאכן אזעלכע ניסים, וואו בין איך? וואו שטיי איך דא? איך בין א עובד עבודה זרה? איך זיץ אין מדין און דא איז דא א באשעפער וואס ווייזט אזעלכע ניסים ונפלאות, און איך געפין זיך צווישן די עובדי עבודה זרה? - ניין. איך נעם די שמועה וואס איך האב געהערט, און איך טראג עס אהיים צו מיר, און איך גיי זיך באנוצן דערמיט, און איך גיי איבערלאזן אלעס, און איך גיי זיך מגייר זיין.

**און** קוקט'ס וואס די איינע שמועה האט גורם געווען. יתרו זכה להוסיף פרשה בתורה, צוגעשטעלט א פרשה אין די תורה. בני בניו של יתרו זכו לישב בלשכת הגזית (סנהדרין קו.), ער האט זוכה געווען צו אייניקלעך וואס זענען געזעסן אין לשכת הגזית. דער כהן מדין, דער גלח פון מדין. ווייל ער האט נישט 'געהערט', ער האט 'דערהערט' וואס מען האט געזאגט.

**די** משנה זאגט (אבות ד-א), איזהו חכם הלומד מכל אדם, חכמה איז דער וואס לערנט פון יעדן איינעם, שנאמר (תהלים קיט-צט) מכל מלמדי השכלתי. די חכמה וואס עס איז דא אינעם מענטש, דאס טוט אים אויסגראדן זיין וועג, עס טוט אים אויסשארפן, אז וואס ער הערט, וועט ער וויסן ווי אזוי עס אויסנוצען, און ווי אזוי ער זאל עס מקבל זיין. דאס טוט אויף חכמה. אבער דאס נוצט נאר אויב וואס ער הערט, גייט אין אים אריין, דעמאלטס טוט ער זיך קלוגען צו פארשטיין וואס ער האט געהערט.

**שלמה** המלך האט געוואלט זוכה זיין צו חכמה, האט ער געבעטן פונעם אייבערשטען, ונתת לעבדך ׳לב שומע׳, איך דארף נישט קיין אויער וואס הערט, חוש השמיעה איז דאך אין די אויערן, מיר איז נישט גענוג אז דו זאלסט מיר געבן א אויער וואס איך זאל קענען הערן, ווייל אז איך הער און איך גיי עס נאכדעם נישט אויסנוצען אויף וואס איך טו, וועל איך נישט זוכה זיין צו קיין חכמה. איך בעהט פון דיר, אז דאס וואס איך הער, זאל אריינגיין אין מיין הארץ. ׳ונתת לעבדך׳, דו זאלסט געבן פאר דיין קנעכט, ׳לב שומע׳, אז די שמועה וואס ער הערט, זאל אים אריינגיין אינעווייניג אינעם הארץ. די ווערטער וואס איך הער זאל מאכן אויף מיר א רושם, איך זאל זיך מתבונן זיין אין די ווערטער וואס מען הערט, עס זאל מיך אויפשאקלען די ווערטער, עס זאל מיר דערציטערן די ווערטער וואס איך האב געהערט - דאס וועט זיין א וועג ווי אזוי איך זאל צוקומען צו קענען שטייגן.

**און** אויף דעם האט אים דער אייבערשטער געזאגט, דו האסט זייער שיין געבעטן, און איך גיי דיר עס געבן. איך וועל דיר געבן אזא הארץ וואס די הארץ וועט מקבל זיין, דיין חכמה אינעם הארץ וועט אויסנוצן יעדע זאך וואס דו וועסט הערן, מכל מלמדי השכלתי, וועסטו צוקומען דערצו אז דו וועסט זיין דער חכם מכל אדם.

**אונז** בעהט מיר יעדן טאג ביים דאווענען, ותן בלבנו בינה להבין ולהשכיל, געב אונז שכל צו פארשטיין, לשמוע, צו הערן, ללמוד וללמד, צו לערנען אליינס און צו לערנען מיט אנדערע. קודם דארפן מיר האבן שכל צו פארשטיין וואס מען גייט הערן, ותן בלבנו בינה, געב אונז קודם שכל, להבין, אונז זאל מיר קענען פארשטיין, נאכדעם זאל זיין לשמוע וללמוד, נאכדעם ווען איך וועל האבן דעם ריכטיגן שכל זאל איך הערן און איך זאל זיך לערנען וואס איך דארף צו טון. **הערן מיט די אויערן אן א הארץ צולייגן דערצו, האט נישט קיין שום נוצן. נאר א לב שומע, נאר ווען מען הערט און עס גייט אריין אינעם הארץ.**

**אין** לשון קודש ווייסט מען, אז דער ווארט ׳שמע׳ האט צוויי טייטשן. שמע איז טייטש הערן, און שמע איז טייטש קבלת הדברים, איך גיי מקבל זיין וואס איך האב געהערט. אויף נעשה ונשמע טייטשט רש״י (שמות כד-ז), ׳נעשה׳ אונז וועל מיר טון, ו׳נשמע׳ איז נישט טייטש אונז וועלן מיר הערן, ונשמע אונז וועל מיר מקבל זיין וואס אונז הער מיר. פארוואס איז דער זעלבער ווארט פון שמע טייטש, הערן מיט מקבל זיין? ווייל די חשיבות פונעם הערן איז נאר אז נאכדעם גייען אריין די ווערטער אינעם הארץ און מען איז עס מקבל. והיה אם שמוע תשמעו אל מצותי (דברים יא-יג), עס מוז זיין א שמיעה, הערן, און תשמעו, מקבל זיין וואס מען הערט.

## נסיון הדור – כלי הטעכנעלאגיע

**אונז** ווייס מיר, אז **דער נסיון פונעם היינטיגן דור, איז טעכנעלאגיע! אינטערנעט, סמארטפאון, און כל שום וחניכא דיליה, אלע נעמען וואס קומען דערצו מיט. דאס איז כלים וואס איז דא אין זיי איסורי תורה, צו הערן, צו זעהן, צו ליינען. מיטן בעסטן פילטער וואס מען האט, איז שווער אז מען זאל קענען ניצול ווערן. און כל שכן ווען עס האט נישט קיין פילטער. עס איז נישט מעגליך עס זאל אדורכגיין איין טאג! וואס ער זאל נישט פוגע זיין אין איסורי תורה בשעת ער האט ביי זיך די כלי.** - וואויל איז דעם וואס קען זיך מונע זיין, און ער באנוצט זיך נישט מיט די כלים אפילו מיט א פילטער. מען האט פריער געהערט, מען האט נאכגעזאגט פונעם קאמעניצער ראש ישיבה, אז עס איז נישט מעגליך צו זיין אן ערליכער יוד, בשעת מען איז אדוק אין די כלים.

**און** עס איז א געוואלדיגע פלא צו פארשטיין. עס איז נישט דא קיין איינער פון אונז וואס האט נישט געהערט, די פראבלעמען וואס עס זענען דא אין די היינטיגע טעכנעלאגיע, נישט איין מאל, און נישט צוויי מאל. עס איז דא וואס האבן שוין געהערט הונדערטער מאל, די געוואלדיגע מכשולות וואס קומען ארויס פון דעם, וואס מען דארף נישט מאריך זיין. מען רעדט דאך פון ערליכע יודען, ישראל כשרים, וואס זענען מלאים מצות כרמון, עוסקים בתורה ובמצוות, ווי אזוי קען זיין אז מען הערט אזויפיל מאל די מכשול וואס עס איז דא דערין, און עס זאל נישט מאכן קיין שום רושם אויפן מענטש, אז ער זאל זעהן זיך צו טוישן און משנה זיין פון וואס ער איז געוואוין? - **אוזן זו ששמעה על הר סיני לא תנאף! די אויער וואס האט געהערט אויפן בארג סיני, און ער באנוצט זיך מיט די כלים אן קיין שום בושה, ער שעמט זיך אפילו נישט, עס ארויס צו נעמען ברבים, אז איך נוץ א זאך וואס מען טאר נישט.**

## איך לא יבוש להוציא הסמארטפאון בבית אלקים בבית המדרש

**ווי שעמט מען זיך נישט ארייצוקומען אין א בית המדרש, און ארויסנעמען א סמארטפאון, א כלי וואס איז פול מיט מינות, טומאה, תועבה. אין א בית אלקים, אין א פלאץ וואס איז הייליג, מיר האבן נישט היינט, א ווינקעלע וואס איז נאך געבליבן אביסל ריין אביסל הייליג, נאר דאס בית המדרש, קומט מען אריין און מען איז מטמא דעם בית המדרש, דא עפענט ער אויף א כלי וואס כל תועבות שבעולם ליגן דערויף? - וואו איז אונזער שכל?** - און עס איז נישט זאכן וואס ער הערט יעצט דעם ערשטן מאל, עס פעלט אונז א 'לב שומע', מען הערט, אבער עס גייט נישט אריין אינעם הארץ, עס איז נישט דא קיין הארץ וואס הערט עס, מען הערט אויסענווייניג. עס גייט אריין אין איין אויער, און עס גייט ארויס פונעם צווייטן אויער, עס גייט נישט אריין אינעווייניג אינעם מענטש.

**איך בעהט נאכאמאל, די וואס קומען דא אין בית המדרש, זאלן זיך נישט באנוצן מיט די כלים דא אין בית המדרש.** אז מען דארף אמאל וויכטיג האבן, די גאס איז גענוג גרויס ווי מען קען ארויסגיין און זיך באנוצן דערמיט.

**איך בעהט יעדן איינעם, אז ווען מען זעהט דער חבר נעמט עס ארויס אין בית המדרש, זאל ער מעורר זיין און בעטן, גיי ארויס פון בית המדרש! זאגט אים, אז דו ביסט א שליח פונעם רב, אז דער רב האט געבעטן אז דו זאלסט ארויסגיין פון בית המדרש דו זאלסט עס נוצן אינדרויסן. - וואס דארף ער קומען און נעמען א מקום קדוש און עס אזוי מוריד זיין.**

## הסמארטפאון מיוחד רק במסחרו ושאר ההשתמשות יהא בטלפון רגיל

**יעדער** ווייסט, מען האט נישט גע'אסר'ט די כלים. חכמי ישראל זענען נישט ארויסגעקומען מיט קיין איסור, דאס קען מען נישט האבן. ווייל מען האט פארשטאנען, אז עס איז דא מענטשן וואס דארפן עס האבן. מענטשן וואס פירן געשעפטן, וואס אסאך קענען זיך נישט באגיין אין די היינטיגע וועלט אן דעם. האט מען עס נישט גע'אסר'ט, אז מען קען עס נישט נוצן. - אבער וואס האט מען געבעטן, **מען בעהט נאר איין זאך, דו דארפסט האבן א סמארט-פאון, נוץ עס נאר ביי דיר אין געשעפט! נוץ עס אויף וואס דו דארפסט עס האבן. אבער נישט אין די גאס, נישט אין שטוב, נאר פאר דעם געשעפט וואו דו דארפסט עס האבן, קענסט זיך באנוצן דערמיט פאר דיינע געשעפטן. אלע אנדערע השתמשות וואס דו דארפסט, זאלסטו האבן א זייטיגן טעלעפאון אויסערדעם, דו זאלסט ארומגיין אין טאש מיט א נארמאלען טעלעפאון. ברענג עס נישט אריין אין שטוב. דארפסט עס נישט ווייזן פאר דיינע קינדער.**

**און ווען דו האסט עס, נוץ עס נאר פאר ביזנעס! נישט באנוצען זיך מיט קיין שום אנדערע זאך. נישט דא קיין וואטס-אפ, נישט דא קיין סאשע"ל-מידי"ע, וויפיל נסיונות קען זיך א מענטש מונע זיין ווען ער געוואוינט זיך צו אז דאס איז א כלי וואס איז נאר געמאכט געווארן פאר ביזנעס, און נישט געמאכט געווארן צו נוצן**

**שטענדיג.** לך לך אומרים לנזירא, סחור סחור לכרמא לא תקרב (שבת יג.), א מענטש דארף זיך מאכן גדרים וסייגים, יא מיר זענען שוואכע מענטשן, אונז פאל מיר אדורך מיט אלעם, און מיט דעם אויך.

## בהבאת הכלים לתוך ביתו מאבד שלום ביתו וחינוך בניו

**און** א שטאפל ווייטער, **דער עולם געוואוינט זיך, זיך צו באנוצען מיט די כלים. איך וועל אוועקלייגן אין די זייט יעצט די אלע איסורי תורה וואס עס איז דא דערין. עס מאכט חרוב דעם מענטש! במשך הזמן פארלירט ער זיין מענטשליכקייט! ער ווערט עדיקטע״ד דערצו, צוגעבונדן דערצו. יעדע פרייע מינוט וואס ער האט, איז ער אלץ פארנומען ארויסצוקוקן נאך א נייעס, נאך א נייעס, וואס מען ברענגט דערויף. זיין מחשבה איז שוין נישט אויפן פלאץ, ער לעבט אין א אנדערע וועלט, צוביסלעך, צוביסלעך, ווערט ער אפגעקילט פון יודישקייט, זיין השקפה איז אן אנדערע השקפה, זיין התנהגות איז א אנדערע התנהגות, זיין יודישקייט איז געטווישט געווארן. נאך א שטיק צייט וועט ער געפונען אז ער איז אן אנדערער סארט יונגערמאן פון וואס ער איז געווען מיט א פאר יאר צוריק.** - דאס איז אלץ ווען ער נוצט עס פאר זיך.

**און** כל שכן ווען ער ברענגט עס אריין צו זיך אינדערהיים, [איך רעד נישט דעם חלק האיסור יעצט], עס טוט אפשוואכן, עס טוט צוברעכן דעם קשר וואס א מאן דארף האבן מיטן ווייב, דעם קשר וואס א טאטע דארף האבן מיט די קינדער. אנשטאט דעם וואס ער זאל פארברענגען מיט די קינדער, זיך אונטערהאלטן מיט זיי, און רעדן צו זיי מיט א ליבשאפט ווי א טאטע רעדט צו א קינד, ווי א מאן דארף רעדן צום ווייב, עס זאל זיין א קירוב לבבות, די פאר שעה וואס דו ביסט אין די שטוב זאלסטו כאטש האבן א שייכות און א קשר צו דיין משפחה.

**מען** ווערט אפגעריסן פון אלעם וואס עס טוט זיך אין די שטוב. די אהבה וואס מען דארף האבן צו קינדער, און וואס קינדער דארפן האבן צו עלטערן, לעשט זיך אויס צוביסלעך. דאס איז זאכן וואס נישט אונז דארף מיר עס זאגן, נאר גוים, אומות העולם, זענען מרעיש אויף די שאדנס וואס עס ברענגט אין די שטובער. איז דאך כל שכן ביי אונז יודען, וואס ביי אונז איז חינוך פון קינדער, שלום בית אין שטוב, דאס איז די גאנצע וואס דער מענטש פארמאגט, מען טאר נישט טון קיין שום זאך אין שטוב וואס טוט אפילו נאר צורירן און אפשוואכן א קלייניגקייט דערפון.

**וואו איז דער שכל פונעם מענטש? צו פארלירן זיין שלום בית, פארלירן די חינוך פון די קינדער, ווייל ער וויל זיך אונטערהאלטן מיט די כלים?! עס איז נישט מעגליך אז א מענטש זאל זיין עדיקטעד צו איינע פון די כלים, און ער זאל קענען האבן א געהעריגען קשר מיט זיין שטוב מיט די קינדער.** - און א מענטש דארף מחליט זיין ביי זיך, וואס איז דיר וויכטיגער? דיין ווייב און קינדער איז דיר וויכטיגער, צו דו זאלסט זיך אונטערהאלטן מיט דיין סמארט-פאון?

**און** אויב ער קלויבט זיך אויס, אז דער סמארטפאון איז אים וויכטיגער, און ער איז בוחר אין די כלי מער ווי זיין שטוב, זאל ער וויסן אז ער איז שוין א גברא קטילא, עס האט אים שוין אפגע׳הרג׳עט! ער האט שוין פארלוירן אלעס! די כלים האבן אים שוין מעביר געווען על דעתו ועל דעת קונו! עס האט אים שוין צוגענומען אלעס וואס ער פארמאגט!

**וואס** בעהט מען פון א מענטש? מען בעהט פון אים, זיי א נארמאלער מענטש! דו זארגסט זיך, דו גיבסט אויס געלט פאר די חינוך פון דיינע קינדער, און צום סוף מאכסטו קאליע דיין שטוב ווען דו ברענגסט עס אריין צו זיי אינדערהיים.

**עס** האט מיך די וואך אנגערופן א יודענע אויפן טעלעפאון, און זי זאגט, **מיין מאן איז נעכטן אהיימגעקומען, ער האט זיך געקויפט א סמארטפאון, ער איז אריינגעקומען אין שטוב, ער האט געגעסן נאכטמאל, ער איז אריינגעגאנגען צו זיך אין שטוב, און**

**׳פיר שעה׳ איז ער געזעסן ביי זיך אין שטוב, נישט גערעדט קיין ווארט מיט די בני בית, נישט גערעדט קיין ווארט מיט די קינדער. דאס איז געווען נעכטן, און היינט, זאגט זי מיר, האט עס זיך איבערגע׳חזר׳ט דאס צווייטע מאל. און איך זאג פאר מיין מאן, ווי עס פאסט צו זאגן, ׳עס טוט מיר זייער ווייי וואס דו האסט געטון, אז דו האסט געקויפט א סמארטפאון׳. און זי זאגט, איך בין פארלוירן... איך דארף זיין דער מוסר זאגער פאר מיין מאן?! עס פאסט אזוי? עס קומט זיך אזוי? די פרוי דארף זאגן מוסר פארן מאן אז ער זאל עס נישט טון? איך שפיר זאגט זי, אז דא גייט זיין א פירוד צווישן אונז. מיט די צייט פארליר איך מיין מאן מיט די קינדער. - א פאר טעג שפעטער רופט זי מיך, עס האט זיך גארנישט געטוישט, ער רירט זיך נישט, ער איז אזוי ווי א שטיין, עס רירט זיך גארנישט פון וואס איך האב גערעדט צו אים פריער, עס גייט נישט אריין אין זיינע אויערן, און איך זעה ווי עס איז עולם חשך בעדי, וואס דא גייט זיין שפעטער.**

**שומו שמים! דאס איז נישט א מעשה פון איין יודענע, דאס איז מעשים בכל יום! טאג טעגליך איז דא שטובער וואס עס איז אזוי! - וואו איז דער שכל? וואס וועט זיין דער סוף פון אזא שטוב? - איז דען נישט חשוב׳ער, איז דען נישט שענער, אנגענעמער, ווען א טאטע קומט אהיים אין שטוב, און ער לייגט אלעס אין דער זייט, יעצט האב איך נישט עפעס אנדערש פאר מיר, נאר מיין ווייב מיט די קינדער! פארברענגען מיט זיי די צייט! זוכן אויפצובויען א קשר צווישן א טאטע און א קינד. אוועקגעבן צייט פאר זיי, זיי זאלן פילן א ליבשאפט, מיין טאטע איז דא מיט מיר, און ער הערט מיך אויס, און ער שטייט מיר צו די האנט.**

**מיר** ווייסן די געוואלדיגע סכנות היינט מיטן חינוך פון קינדער, יעדעס קינד, אפילו פון די בעסטע שטובער, שטייט מען אין א סכנה ח״ו נישט צו פארלירן דאס קינד ער זאל נישט אוועקגיין פונעם ריכטיגן וועג. מען זאל נישט מיינען אז ביי מיין קינד וועט עס נישט פאסירן, דאס געשעהט ביי די שענסטע שטובער. און עס איז נישט דא אויף דעם נאר איין וועג, די ליבשאפט וואס עלטערן גיבען פאר די קינדער, וואס א קינד ווערט צוגעבונדן צו א טאטען, צוגעבונדן צו די מאמע, ער וויל נישט איבערלאזן, ער וויל נישט וויי-טון - דאס געשעהט נאר פון די געוואלדיגע אהבה וואס עס איז דא א קשר אין די משפחה, אז עס זאל זיך נישט צוברעכן.

**און** מען רעדט פון מענטשן וואס זענען קלוג, קלוג אין ביזנעס, קלוג אין תורה, חכמים ונבונים, און עס גייט זיי נישט אריין אין קאפ וואס מען רעדט.. מען הערט און מען הערט און עס געשעהט גארנישט! עס איז נאר ווי די גמרא (סוטה ג.) זאגט, אין אדם חוטא אלא אם כן נכנס בו רוח שטות, מען פארלירט דעם שכל. עס איז אזוי גרויס די תאוה פונעם מענטש, די נייגעריגקייט ער זאל וויסן אלעס וואס עס טוט זיך אויף די וועלט, אז עס נעמט אים אוועק, עס נעמט אים ארויס פונעם ריכטיגן שכל.

## גודל הנסיונות במקומות העבודה לאברכים שלא לקבל השפעה מדרכי הגויים

**אין די ארבעטס פלעצער וואו מען ארבעט, האבן יונגעלייט געוואלדיגע נסיונות. אסאך יראת שמים דארף מען האבן אהיימצוקומען פון די ארבעט אזוי ערליך ווי מען איז ארויסגעגאנגען צו די ארבעט.** ווען א מענטש גייט זוכן א פרנסה, זוך דיר א פרנסה וואס איז ערליך, א פלאץ וואו דער מקום איז אויסגעהאלטן. אפילו מען צאלט דארט ווייניגער, אפילו דו וועסט נישט קענען אהיימברענגען וויפיל דו ברענגסט ערגעץ אנדערש. עס איז נישט כדאי אביסל יודישקייט, אביסל מענטשליכקייט, אז דו זאלסט דאס פארלירן איבערן טאג ווי דו ביסט אויסגעשטעלט צו ארבעט. און וואו מען איז, דארף מען האבן גדרים וסייגים, וויפיל עס איז מעגליך דער מענטש זאל זיך מאכן.

**מען ארבעט צוזאמען מיט גוים. מען דארף וויסן אז מען איז שטארק עלול נשפע צו ווערן פון דעם גוי וואס מען איז צוזאמען מיט אים ביי די ארבעט.** די הנהגה פון א גוי

איז א פארדארבענע הנהגה, ער איז דאך א מושחת. זיין רעדן איז פול מיט ניבול פה, יעדעס צווייטע ווארט וואס עס קומט ארויס פון זיין מויל. וואס ער ווייזט אויף זיינע כלים פאר אנדערע, זאכן וואס מען טאר נישט זעהן און מען טאר נישט הערן, ער לאזט איבער א רושם אויף דעם וואס געפונט זיך צוזאמען מיט אים. און צוביסלעך צוביסלעך, מען זיצט מיט אים א גאנצן טאג, און נאך א טאג, און נאך א טאג, הרגל נעשה טבע, מען ווערט צוגעוואוינט, עס איז שוין נישט אזוי געפערליך ווי מען האט עס אנגעקוקט פאר דעם. ער פארלירט די איידלקייט אין זיין רעדן, די קדושה פון א יודיש קינד וואס האט קיינמאל נישט ארויסגעזאגט א זאך וואס איז געווען אפילו קרוב לכיעור, א זאך וואס איז נאר נאנט געווען צו וואס עס פאסט נישט, האט מען נישט גערעדט. עס ווערט אויסגעלאשן ביי דעם מענטש, זיין שמירת עינים איז דאך אפגערעדט אז עס פאלט. ער ווערט אפגעקילט פון אלעם וואס עס איז געווען פאר דעם.

**אז מען איז ביי דער ארבעט צוזאמען מיט א גוי, דארף מען טראכטן פארדעם, וואס קען איך טון אז איך זאל נישט ווערן צוגעבינדן צו אים, איך זאל נישט האבן מיט אים קיין חברותא, איך זאל זיך קענען פון אים דערווייטערן, און נאר טון צוזאמען מיט דעם גוי וואס איך דארף צו טון.** אין ביזנעס האט מען דאך נישט קיין ברירה, ער מוז דאך זיין צוזאמען, אבער נישט רעדן צו אים קיין איין איבריג ווארט. וואס עס איז נישט נוגע געשעפטליך, האב איך מיט אים נישט קיין שייכות. און אז עס קומט יא אויס צייט אז מען זיצט ליידיג, און מען האט נישט וואס צו טון ביי די ארבעט, האבן אין טאש א קליין ספר'ל ארויסצונעמען, זעץ זיך אין א ווינקל, זאג תהלים, לערן אין א ספר, לערן משניות, נוץ אויס די צייט אויף וואס מען קען.

## ריבוי המכשולות בעבודה באפיסע"ס ולעשות גדרים וסייגים להתנהג בקדושה

**די מכשולות אין אפיסעס ווען מען ארבעט צוזאמען מיט נשים, זענען זייער גרויס.** בדרך הטבע מאכט זיך א קירוב הדעת! מען זיצט מיט א מענטש צוזאמען טאג נאך טאג, וואך נאך וואך, חדשים מיט חדשים. און מען מוז האבן גדרים וסייגים מונע צו זיין דעם קירוב הדעת וואס עס איז דא בשעת מען איז אין די ארבעט. עס איז דא א גמרא אין ברכות (סא.), המרצה מעות לאשה מידו לידה או מידה לידו, ווען א מענטש גיט איבער א זאך פון זיין האנט צו איר האנט, צו פארקערט, כדי להסתכל בה, בשעת ער וועט איבערגעבן וועט ער געבן א בליק אויף איר, זאגט די גמרא, אפילו יש בידו תורה ומעשים טובים כמשה רבינו!, אפילו ער האט תורה ומעשים טובים ווי משה רבינו, לא ינקה מדינה של גיהנם, זיין תורה ומעשים טובים וואס ער האט ווי משה רבינו, וועט נישט מגין זיין אויף דעם וואס ער האט איבערגעגעבן א זאך פאר א אשה כדי להסתכל עליה. שנאמר, אזוי שטייט אין פסוק (משלי יא-כא), יד ליד לא ינקה רע, טייטשט רש"י, יד ליד, אפילו ווען ער איז אזוי ווי משה רבינו וואס האט מקבל געווען די תורה פון זיין האנט צו זיין האנט, ער האט גענומען די תורה מימינו של הקב"ה, לא ינקה מדינה של גיהנם, וועט ער נישט ארויסגיין פון דינה של גיהנם! - ער האט נישט געטון קיין שום מעשה, נאר כדי להסתכל בה. ווי גרויס זענען די נסיונות פון א יונגערמאן וואס דארף ארויסגיין אין ביזנעס.

**און** בכלל דארף מען נזהר זיין, מען גיט נישט איבער א זאך מיד ליד, פון איין האנט צו דעם אנדערן האנט. **מען האט נישט וואס צו רעדן מיט קיין סעקרעטערי און מיט די וואס ארבעט דארטן, קיין שום זאך אויף דער וועלט אויסער ביזנעס. נישט פארציילן קיין נייעס, נישט פארציילן זאכן וואס האט פאסירט, און ענליך'ס דערצו. און כל שכן ווען מען רעדט פון א דזשאו"ק, א דיבור של שחוק, דארף מען זיך מונע זיין.**

**מען** זאל זיך נישט רופן ביי די ערשטע נאמען וואס מען האט. אז מען רופט, רופט מען אויף די משפחה נאמען, עס איז אויך א געוויסע מרחק וואס טיילט אפ. - עס איז מיר אויסגעקומען מיט א חודש צוריק בערך, איך בין געווען מנחם אבל זיין ביי א שטוב פון א יונגערמאן וואס איז

נעבעך אוועק פון די מחלה. האבן די אבלים מיר געזאגט, אז דער טאטע האט געהאט אן אפיס וואס עס האבן געארבעט דארט מערערע מיידלעך. האבן זיי געזאגט, אז דער טאטע האט קיינמאל נישט גערופן איינע פון די ארבייטערס, נישט מיטן ערשטן נאמען און נישט מיטן לעצטן נאמען, מען האט גערופן אויפן דעסק. 'עקסטענשא"ן איינס', 'עקסטענשא"ן צוויי', זאל קומען איך האב עפעס צו זאגן. קיינמאל נישט דערמאנט אפילו א משפחה נאמען. [עס זאל אים זיין לזכות, לעילוי נשמתו].

## סדר הירידה באדם, כשמתחיל לשנות מדרכי ומנהגי אבותיו

**דער סדר הירידה וואס עס הייבט זיך אן ביי א מענטש, זאל מען וויסן אז עס הייבט זיך אן מיט קלייניגקייטן. מען הייבט אן משנה צו זיין זאכן וואס עס איז געווען ביי די עלטערן אין שטוב. די שינוי פון מנהג אבותיו, דארט הייבט זיך אן דער חורבן.** דער זלזול אין אל תטוש תורת אמך (משלי א-ח), נישט איבערלאזן וואס מען האט געזעהן ביי טאטע און מאמע. ווען 'דער' גדר ווערט נפרץ, עס ווערט אדורכגעבראכן, איז די פעלד אפען אינגאנצען! עס איז נישט דא קיין שום זאך וואס זאל אים צוריק האלטן. אויב ער מוז נישט טון וואס זיין טאטע האט געטון, קען ער טון אלעס אויף דער וועלט, עס איז נישט דא קיין גדר פאר אים וואס ער האט צו טון ווייטער. כך אומנתו של יצר הרע, היום אומר לו עשה כך, ולמחר אומר לו עשה כך, עד שאומר לו עבוד עבודה זרה, דער יצר הרע הייבט אן קודם מיט א קלייניגקייט, טו אזוי, נאכדעם אזוי, נאכדעם זאגט ער אים דין עבודה זרה. - און וואס מיינט עטץ, ער האט זיך אפגעשטעלט ביי עבודה זרה? זאגט די גמרא (שבת קה:), ניין, והולך ועובד. אז מען האט אדורכגעבראכן דברים קטנים, מען האט אדורכגעבראכן קלייניגקייטן פון היום אומר לו עשה כך ולמחר אומר לו עשה כך, דער סוף דערפון איז, אז ער וועט צוקומען צו ווערן אן עובד עבודה זרה.

**און איך וועל עס ארויפלייגן אין קליין געלט ווי אזוי עס הייבן זיך אן די שינויים ביי א מענטש, און יעדער זאל איבערטראכטן צו עס איז אזוי ביי זיך און ביי זיינע קינדער. די ערשטע זאך הייבט זיך עס אן מיט א חיצוניות'דיגע זאך, די צורה פון די פיאות. ער טוישט צו גיין מיט די פיאות פון ווי אזוי דער טאטע איז געגאנגען. ער הייבט זיך אן צוצופיצן די בארד, א צווייטע זאך. די קאפל ווערט א קלענערע קאפל פון וואס דער טאטע איז געגאנגען, ער האט א קליין קאפעלע אויפן קאפ. די אויגן גלעזער ווערן געטוישט, עס פאסט שוין נישט צו גיין מיט אמאליגע אויגן גלעזער, מען דארף גיין מיט אנדערע. זיין הוט הייבט ער אן צו טוישן, ער האט א אנדערע סארט הוט פון וואס זיין טאטע איז געגאנגען. די הויזן זענען אים שמאלער ווי דעם טאטענס הויזן. די שיך זענען שפיציגער פונעם טאטענס שיך. דער טלית ביים דאווענען ליגט שוין נישט אויפן קאפ, עס ליגט אויפן אקסעל. עס איז קלייניגקייטן. - דאס איז די שינויים מיט וואס עס הייבט זיך אן. קוקטס וויפיל שינויים ער האט שוין געמאכט דא, אין די פאר זאכן ווי אזוי ער איז געטוישט געווארן.**

**נאכדעם, ער געפינט זיך שוין נישט גוט צווישן זיין חברותא, איך בין דאך שוין דער מאדערנער דא, איך בין נישט אזוי ערליך ווי מיינע חברים מיט וועם איך בין געווען צוגעוואוינט, מען דארף אוועק מופן פון דא. ער האט א גוטן תירוץ אז עס איז נישט דא קיין דירות צו באקומען. און אז מען מופט שוין וועל איך שוין גיין מופן אין א פלאץ ווי עס איז ברייט, ווי איך קען וואוינען אז קיינער וועט זיך נישט אומקוקן וואס איך טו, איך וועל דארט נישט זיין בולט מיט מיינע מעשים.**

**ער** איז משנה פון וואס ער האט געזעהן ביי זיינע עלטערן. ווי אזוי א שבת'דיגע טיש דארף אויסצוזעהן. ווי אזוי מען האט געזינגען זמירות ביי די עלטערן אין שטוב, ווי אזוי מען האט גערעדט דברי תורה בשעת מען איז געזעסן ביים טיש. די ערנסטקייט וואס איז געווען אמאל ביי א שבת'דיגן טיש צווישן טאטעס און קינדער. מען טוישט די מאכלים פון שבת אויף דיפ"ס, מאכלים וואס מען האט אלע יארן געניצט אויף שבת, איז היינט שוין אין די זייט, עס איז דא אנדערע מאכלים וואס עס איז

מער צוגעפאסט פאר אים. עס שטייט נישט אין די תורה מען דארף עסן טשאלענט, אבער ווען מען עסט נישט טשאלענט אין שבת, איז ער אוועקגעגאנגען פון דעם וואס דער טאטע האט געטון. פון דעם מנהג ישראל וואס מען האט געטון אין די גאנצע וועלט. - ער איז 'קאא"ל', ער קען טון עפעס אנדערש אויך.

## אל תטוש תורת אמך

**דאס איז ביי אים. אז ער האט א ירידה, גייט עס אריבער צו די ווייב, דארט איז אויך דא א ירידה. זי גייט שוין נישט אנגעטון מיט איר קלייד אזוי ווי איר מאמע איז געגאנגען. די שייטל איז שוין נישט די זעלבע ווי די מאמע איז געגאנגען. עס ווערט לענגער, עס ווערט מער צופלאסענער. די צודעק אויפן קאפ פון וואס די מאמע איז געגאנגען, ווערט געטוישט. פון א טיכל ווערט א היטל, און פון א היטל ווערט א בענדל, וכדומה. - און ברבות הימים געפינט ער זיך נישט מער זיין פלאץ צווישן זיינע חברים, צווישן ערליכע יודען, און די קינדער הייבן אן צו באקומען אן אנדערן חינוך, ער איז מחנך די קינדער נישט אויף דעם וועג ווי ער איז מחונך געווארן - און אלעס האט זיך אנגעהויבן מיט אל תטוש תורת אמך!** ווייל ער האט זיך אויסגעלערנט, אז מען מוז נישט טון וואס דער טאטע האט געטון, מען קען אוועקגיין דערפון. און אז מען קען משנה זיין פון וואס מען האט געטון ביים טאטען אין שטוב, איז נישט דא מער קיין צוריקהאלט, קען מען אלעס טוישן, וואס עס פאלט אים איין צו טוישן קען ער טוישן.

עס איז דא א מאמר אין די וועלט, אז א מנהג צוברעכט א דין. עס איז א מקור אין ירושלמי (יבמות יב-א), א מנהג איז מבטל אן הלכה. איך מיין אז דער פשט דערפון איז לעניננו, ווען א מענטש איז מזלזל אין א מנהג, איז דער סוף דערפון אז ער צוברעכט אן הלכה! עס הייבט זיך נישט אן מיט צוברעכן אן הלכה, עס הייבט זיך אן מיט מבטל זיין א מנהג פון די עלטערן, און נאכדעם פאלט מען אדורך.

*

**מיר** שטייען אין א עת צרה, עס פארלאנגט זיך תיקון המעשים. מען בעהט נישט קיין סאך, ווען מען רעדט פון תיקון המעשים. **שטעל דיך אפ אויף א מינוט, זיי דיך מתבונן, קוק, אין וויפיל זאכן עס איז דא א שינוי ביי דיר אין שטוב, פון וואס דו האסט געזעהן ביי דיין טאטע און מאמע, און וואס עס איז געווען ביי דיין זיידן אין שטוב. וואס איז דא א שינוי ביי דיין ווייב אין איר קליידונג מכף רגל ועד ראש, פון וואס איר מאמע האט זיך געפירט. איר שטרימפ, איר קלייד, איר שייטל, איר דעק אויפן קאפ, קוק וואס עס האט זיך געטוישט ביי דיר, ווי ווייט איז דיין שטוב פון דעם אל תטוש תורת אמך. - און נעם דיר פאר אויף אזויפיל, אז איך וועל עס צוריקשטעלן און טון, איך גיי צוריקשטעלן מיין שטוב אזוי ווי עס האט אויסגעקוקט ביי מיינע עלטערן. ווערסטו זעהן אז די הנהגה אין גאנצן הויז וועט זיך טוישן, עס וועט נתעלה ווערן, דו וועסט האבן א גדר אז פון דעם טוישט מען זיך נישט.**

## הפירצות במלבוש השייטע"ל

**לאנגע שייטלעך איז דאך גע'אסר'ט געווארן פון אלע גדולי ישראל, פון אלע קרייזן! אין גם אחד וואס זאל זאגן א היתר דערויף, אז מען מעג דערמיט גיין. - און דאס איז שוין אויסער די חשש פון תקרובת עבודה זרה וואס עס איז דא ביי די שייטלען. – און אויב דאס איז נאך נישט גענוג געווען. מיר האלטן שוין מיט א פירצה ווייטער, אז מען גייט מיט שייטלעך וואס איז געמאכט געווארן, אז עס קוקט אויס ווי עס קומט ארויס פונעם אייגענעם קאפ. די שייטל איז אזוי אויסגעשטעלט, אז עס קוקט אויס ממש ארגינעל אזוי ווי עס וואקסט האר. אז מען גייט ארויס אזוי אויף די גאס, איז מען א פורצת דת יהודית! זי איז א מכשלת את הרבים ביי יעדן טריט וואס מען גייט!**

**און** אסאך מאל, די זעלבע מאמע וואס האט געהאט מסירת נפש אז אלץ מיידל זאל איר טאכטער גיין אנגעטון איידל מיט אירע האר, צוזאמגעקעמט און נישט צולאזט און אזוי ווייטער. ווען די טאכטער קומט חתונה

צו האבן, גייט די מאמע קויפן מיט איר א שייטל, און זי קויפט נאך א שייטל וואס קוקט אויס אנדערש פון וואס זי גייט אליין. און זי באצאלט נאך דערפאר טבין ותקילין, נאך מער געלט וויפיל עס האט געקאסט איר׳ס.

**ווי** קען מען צעברעכן א טאג נאכדעם וואס זי האט חתונה געהאט, וואס זי איז געווארן אן אשת איש, זאל זי גיין אנגעטון ערגער פון וואס זי איז געגאנגען אלץ מיידל..? ווייל יעצט איז זי געווארן אן אשת איש. - וואו איז דער אל תטוש תורת אמך?

**איך** האב געהערט פון א יודענע וואס גיט זיך אפ מיט שייטלען, האט זי געזאגט, אז ווען די מאמעס מיט די כלות קומען אריין קויפן די שייטלען, איז אלץ דא דין ודברים. די מאמע זאגט אזא שייטל, און די טאכטער זאגט אזא שייטל, און מען קריגט זיך ארום דארט, דער וויל אזוי און דער וויל אזוי. האט מען געפרעגט, וועלכעס איז מער, די וואס די מאמע וויל מען זאל גיין מיט א שוואך שייטל, און די טאכטער וויל גיין מיט א גוט שייטל. צו פארקערט, אז די מאמע וויל מען זאל גיין מיט א גוט שייטל און די טאכטער וויל מען זאל גיין מיט א שוואך שייטל? - האט זי געענטפערט, **אז עס איז דא פופציג פראצענט וואס די טאכטער וויל גיין מיט א קליינעם שייטל, זי איז מחונך געווארן אין א ערליכע סקול, און מען האט איר אויסגעלערנט אז מען דארף אזוי צו גיין, און די מאמע זאגט איר, ניין, דו וועסט אויסקוקן בעסער ווען דו וועסט קויפן אן אנדערע שייטל. און די מאמע שטופט צו, דאס זי זאל טוישן פון וואס עס איז געווען. - זי האט צובראכן ביי דאס קינד דעם אל תטוש תורת אמך מיט אלעם, און עס וועט זיך נישט אפשטעלן ביי די זאך אליין.**

## דרגת הצניעות בבנות ישראל, תלוי הרבה בהנשים העוסקים במכירת ותיקון השייטלע״ך

**מיט** א שטיק צייט צוריק, איז געווען ביי מיר א יונגערמאן, אז דאס ווייב איז אים קראנק געווארן מיט א געוויסע מחלה, און זי האט קאפ ווייטאג שוין א לענגערע צייט. עס פאלט אים אפילו נישט איין, אז זי זאל טראכטן אפילו, אז זי האט זיך לעצטנס געקויפט א שייטל וואס מען טאר נישט גיין דערמיט, און דאס ליגט איר אויפן קאפ, אפשר דארף איך טוישן מיין שייטל... ליגן קראנקערהייט אין בעט קען זי, אבער נישט טוישן זיך דעם שייטל.

**און** אז מען רעדט דערפון, מען דארף מעורר זיין די נשים וואס פארקויפן שייטלעך, און פאררעכטן שייטלעך. זיי זאלן וויסן, אז עס איז זייער אסאך תלוי אין זייער האנט ווי אזוי די צניעות אין די שטאט וועט זיין. אין זייער האנט ליגט, אז זיי זאלן קענען אויפהייבן די סטאנדארט פון צניעות ביי יודישע טעכטער אין די גאנצע שטאט. **ווען זיי זאלן ממליץ זיין, זיי וועלן צורעדן אז מען דארף קויפן א איידעלע כשר׳ע שייטל, אז אזא שייטל איז גע׳אסר׳ט געווארן, קויף דיר א כשר שייטל, וואלטן זיי געקענט זייער אסאך אויפטון, און זיי וואלטן געהאט די זכות הרבים פון צניעות אין די גאנצע וועלט, עס וואלט געווען לזכות פון די וואס געבן זיך אפ דערמיט, ווען זיי טוען צורעדן צו קויפן איידעלע שייטלעך. עס איז א זכות פאר זיי, און א זכות פאר זייערע קינדער.** ווייל ווי אזוי מען גייט אנגעטון דא אין וויליאמסבורג דאס איז משפיע נישט נאר אויף וויליאמסבורג, נאר דאס איז משפיע אויף וואו עס איז דא א יודישער קיבוץ אין די וועלט, קוקט מען ארויס ווי אזוי מען גייט ביי אונז. ווען ביי אונז וואלט מען געגאנגען ערליך אנגעטון, וואלט עס געהאט אן השפעה אינדרויסן. ווען ביי אונז לאזט מען נאך, אז פאר וויליאמסבורג איז עס גוט, איז עס אוודאי גוט פאר ערגעץ אנדערש. - עס וואלט געווען א געוואלדיגער זכות הרבים, אשרי חלקם פון די וואס געבן זיך אפ דערמיט. אז זיי וואלטן צוגערעדט מען זאל גיין מיט כשר׳ע צניעות׳דיגע שייטלעך, איז זייער זכות זייער גרויס.

**און** פארקערט, הקולר תלוי בצווארם, **ווען מען רעדט צו די קונים אז מען זאל קויפן אום-צניעות׳דיגע שייטלעך, ווייל דאס וועט מאכן א בעסערן רושם, קוקסט אויס בעסער מיט אזא שייטל - זענען זיי מחטיאין את הרבים,**

**זיי טוען מחטיא זיין דעם ציבור, זיי טוען אראפברענגען דעם סטאנדארט פון צניעות ביי אונז אין די שטאט,** און המחטיא את הרבים דארף מען דאך נישט זאגן וואס עס שטייט אין חז"ל (אבות ה-יח) אין מספיקין בידם לעשות תשובה, און המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו.

## אופן השפעת הבעל על מלבושי בני ביתו שיהא בצניעות הראויה

**לעצטענס** האט מיך א יונגערמאן געפרעגט, אז זיין ווייב וויל זיך קויפן א לאנג שייטל. פרעגט ער מיך, וויפיל איז דער שיעור פון מחאה? אז זי וויל מיך נישט צוהערן, וויפיל בין איך מחויב מוחה צו זיין? איך בין מחויב זיך צו קריגן מיט איר? איך בין מחויב זיך צו צושלאגן? וואס דארף איך טון ווען זי וויל גיין מיט א לאנג שייטל, דער רב זאל מיר זאגן וויפיל בין איך מחויב מוחה צו זיין דערויף? — איך האב אים געזאגט, הער מיך אויס. אויב דו ווילסט באמת אז זי זאל נישט גיין דערמיט, זאג איר אזוי: אז זי זאל וויסן, אז דאס וואס זי טוט, טוט דיר זייער וויי. עס גייט דיר עד דכדוכה של נפש אז זי גייט אזוי אנגעטון. און זי איז נישט בארעכטיגט אז זי זאל דיך מצער זיין. און זי זאל וויסן, אז זי איז נישט נושא חן אין דיינע אויגן מיט דעם שייטל וואס זי גייט, **פון היינט אן וועסטו נישט זאגן קיין שום קאמפלימענ"ט אויף איר לבוש אז זי גייט שיין אנגעטון, ווייל עס איז מאוס אין דיינע אויגן וואס זי טוט. זי זאל נישט זיין ברוגז אויף דיר, ווען זי וועט קיינמאל מער נישט הערן א קאמפלימענט פון דיר אויף איר קליידונג, ווייל זי האט זיך עס אליין צוגעברענגט, ווייל זי גייט נישט אנגעטון כדת ישראל.** - וועסטו זעהן וואס פאר א רושם עס וועט מאכן אויף איר. און דו זאלסט זיך האלטן דערביי! דו זאלסט טאקע נישט געבן קיין קאמפלימענט פאר קיין שום זאך וואס איז נישט אויסגעהאלטן, זאג נישט אז עס איז גוט עס איז שיין.

**נאכדעם** זאלסטו איר זאגן: אז זי זאל וויסן, אז זי טוט אראפברענגען דיין כבוד צווישן דיינע חברים אין בית המדרש, דו גייסט ווערן יעצט א צווייטער-קלאס יונגערמאן, ווייל דיין ווייב גייט נישט איידל אנגעטון. און מען טראכט אויף דיר אז דו ביסט דער וואס לאזט עס צו אין שטוב אז מען זאל גיין אזוי, דו קענסט דאך נישט פארציילן פאר יעדן איינעם דעם אמת, אז דו ווילסט נישט, נאר זי וויל. און זי איז נישט בארעכטיגט אז זי זאל נעמען דיין כבוד און עס משפיל זיין, אז דו זאלסט זיין פאר א בזיון אין די אויגן פון דיינע חברים.

**זאג** איך פאר דעם יונגערמאן, אויב עס וועט דיר באמת וויי טון, וועט זי שפירן אז עס טוט דיר וויי, און צום סוף וועט זי זיין א אשה כשרה וואס איז עושה רצון בעלה. עס איז דא א וועג ווי אזוי מען קען רעדן. מען קען נישט מוחה זיין היינט, מען קען נישט קלאפן אויפן טיש, ליידער דער מצב איז אזוי. **אבער וואס מען קען יא טון, נישט צו-העלפן דערצו, און נישט זאגן אז עס געפעלט דיר ווי אזוי זי גייט. און זאגן פארקערט, עס טוט מיר וויי וואס דו טוסט, וועט זיין א שינוי נאכדעם ווי אזוי מען פירט זיך אויף.**

## להתבונן במטרת חיינו, לעשות נחת רוח להבורא ית"ש

**איך** וויל צוריק קומען, נחזור לענינינו. מען דארף זיך מתבונן זיין, וואס איז די סיבה אז עס איז דא אזא ירידה אין אונזערע דורות. פארוואס פעלט פון אונז א ברען צו יודישקייט, א השתוקקות צו עבודת ה'. די שמחה של מצוה וואס איז געווען אמאל ביי אונזערע עלטערן, א יום טוב, א געווענליכע מצוה וואס איז געקומען אונטער די האנט, איז געווען מלא חיות ווי אזוי מען איז צוגעגאנגען דערצו. אונז אליין, אלץ יונגעלייט, זענען מיר געווען ברענעדיגע יונגעלייט, עס האט זיך אפגעקילט, עס איז עפעס אנדערש פון וואס עס איז געווען, עס האט זיך אויסגעקילט די ווארעמקייט וואס מען דארף האבן צו עבודת ה'. וואו איז דאס פארפאלן געווארן, וואס איז די סיבה אז מיר האבן עס פארלוירן?

**דער** תירוץ איז, מען לעבט היינט אין א תקופה וואס די גשמיות פון די וועלט גלאנצט, עס רייצט זייער אן דעם מענטש צו גיין נאך תענוגי עולם הזה. עס איז געווארן א

רדיפה נאך געלט, הון ועושר, דאס איז דער גלאנץ פון א יונגערמאן, קויפן א שיין הויז, און נישט איינס, נאר צוויי און דריי, אין דעם מקום, אין צווייטן מקום. ווען ער וועט וועלן ערגעץ גיין, זאל ער קענען גיין. און מען גיט אוועק די טייערע צייט פאר תענוגים של מה בכך, וואס מען האט דערפון גארנישט, עס איז נישט דא קיין שום תועלת, ער וועט גארנישט האבן נוצן דערפון, היינט האט ער עס, און מארגן פארגעסט ער וואס ער האט געהאט נעכטן.

**אונז** פארגעס מיר, אז אונז האב מיר א מטרה אין אונזער לעבן. **נישט וועגן דעם דרייען מיר זיך דא אויף די וועלט, אז אונז זאל מיר זוכן צו בעסער מאכן, און שענער מאכן, אונזער גשמיות׳דיגע וועלט. נאר אונז האב מיר אסאך א העכערע מטרה פארוואס אונז לעב מיר, צו שטייגן אין תורה און עבודת ה׳, טון א נחת רוח פארן אייבערשטען.** די וועלט איז א דורכגאנג, מען בלייבט נישט דא לאנג אויף דעם עולם. די וועלט איז נאר א פרוזדור לפני טרקלין, התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין (אבות ד-טז), דאס איז נאר א דורכגאנג צו צוגרייטן זיך, און עס ווארט אויף אונז זייער א שיינע דירה ערגעץ אנדערש.

**יעדער** פארשטייט דאך און ווייסט, עס קומט אמאל א טאג וואס מיר גייען אלעס איבערלאזן דא, ער וועט נישט מיטנעמען פון זיין גאנצן פלאג גארנישט, אלעס וועט ער איבערלאזן דא. און ער וועט עס איבערלאזן פאר אנדערע מענטשן וואס וועלן נהנה זיין דערפון. אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות, אלא תורה ומעשים טובים בלבד (אבות ו-ט), **נאר די קינדער וואס דו האסט איבערגעלאזט און מחנך געווען, דאס איז די איינציגסטע זאך וואס דו וועסט האבן אויף יענע וועלט, אלע אנדערע זאכן בלייבט פון דעם גארנישט.** נאר וואס מען איז מחנך קינדער על דרכי התורה, דורך זיי האט מען שפעטער א עילוי אויף יענע וועלט.

## שעות החיים יקרים מאוד, וחבל לבזבזם בהבלי העולם

**דאס** לעבן ביי אונז איז זייער טייער און חשוב. מיר זענען מחלל שבת אויף חיי שעה, כדי מען זאל קענען לעבן נאך א שעה איז מען מחלל שבת, און וואס פארא לעבן איז שוין דער חיי שעה, ווען מען איז אזוי קראנק, אז מען האט נישט מער ווי חיי שעה. פארפאטשקען צייט, דאס איז פארפאטשקען לעבן! ווייל דאס איז דער לעבן, צייט דאס איז דער לעבן וואס דער מענטש האט. מען דארף מחשיב זיין יעדע שעה, יעדע רגע פונעם לעבן. די פרייע צייט וואס מען איז נישט עוסק אין פרנסה, דארף מען מקדיש זיין מרבה צו זיין תורה און מצוות, קובע זיין זיך שיעורי תורה, אויסנוצן פאר עבודת ה׳.

**זיך** מתבונן זיין אין די געוואלדיגע זכיה וואס מיר האבן, אז אונז קען מיר טון א נחת רוח פארן אייבערשטען. אשרינו, מה טוב חלקנו, ומה נעים גורלנו, **ווי גליקליך זענען מיר, אז אונז לעב מיר, מיר זענען בכח, מיר קענען דינען דעם אייבערשטען, טון פאר אים א נחת רוח.** מלאכי השרת זענען נישט זוכה צו וואס אונז האב מיר. אזוי שטייט אין די גמרא (חולין צא:), חביבין ישראל לפני הקב״ה יותר ממלאכי השרת, שישראל אומרים שירה בכל שעה, אונז קען מיר זאגן שירה שטענדיג, מלאכי השרת אינם אומרים אלא פעם אחת ביום, איינמאל אין טאג, ואומרים לה פעם אחת בשבת, איינמאל א וואך, און עס איז דא וואס זאגן נאר איינמאל אין א חודש, און עס איז דא אין א שנה, אין א שמיטה, און עס איז דא ביובל, און עס איז דא איינמאל בעולם, מלאכים וואס קענען נישט זאגן נאר איינמאל שירה.

**פארוואס** זאלן מיר פארפאטשקען אונזער טייער לעבן, אונזער טייערע צייט, פאר נארישקייטן, פאר אונטערהאלטן זיך מיט א זאך וואס עס האט נישט אין זיך קיין שום נוצן. וואס כחלום יעוף א שעה שפעטער האט ער דערפון גארנישט. מען קען דאך איינקויפן אין דעם לעבן אזויפיל טייערע זאכן וואס איז נחמדים מזהב ומפז רב, וואס יעדער פון אונז קריגט זיך נישט דערויף, יעדער איז מכיר וואס דאס מיינט א חשיבות פון א דבר טוב וואס ער טוט, פון א קליינע מצוה וואס ער טוט. א ראיה דערויף איז, אז מען זאל אים אנטראגן צו געבן א מיליאן דאלער, פארקויף מיר די מצוה וואס דו האסט נעכטן געטון, וועט

ער נישט הערן דערפון, און ער וועט עס נישט פארקויפן. ווייל ער איז באמת מכיר, אז טון א מצוה איז מער ווי א מיליאן דאלער. נו פארוואס זאל מען אוועקגעבן צייט, און מבזבז זיין פאר דברים של מה בכך.

*

**דער** תכלית איז דאך נישט, זיך אפצורעדן, און רעדן ח״ו בגנותן של ישראל, אבער צו געבן א קרעכץ אויף דעם מצב וואס אונז שטיי מיר, איך מיין דאס פארקערטע, איך וויל מחזק זיין, און מעודד זיין, מיר זאלן וויסן, אז אונז האב מיר א האפענונג, אונז זאלן מיר זיך נישט מייאש זיין, אונז האב מיר נאך א וועג אונז זאל מיר קענען זיין א חלק פון די וואס דער אייבערשטער רומט זיך מיט זיי. אויב דער אייבערשטער האט אונז געגעבן אונזער חלק, אז מיר געפונען זיך אין דעם דור, מיט די היינטיגע נסיונות, גיט ער אונז אויך דעם כח, אז אונז זאל מיר זיך קענען מתגבר זיין, אונז זאל מיר קענען שטייגן, און צוקומען אז מען זאל קענען אויף אונז זאגן (ישעיה מט-ג), ישראל אשר בך אתפאר! דער אייבערשטער זאל זיך רומען מיט אונז. אין הקב״ה בא בטרוניא עם בריותיו. דער אייבערשטער קומט נישט בטרוניא, א מלך שטעלט נישט זיין מיליטער ארויסצוגיין אין א מלחמה, אויב ער גיט זיי נישט קיין כלים מיט וואס זיי זאלן קענען זיגן די מלחמה. דער אייבערשטער האט אונז אריינגעווארפן אין א וועלט פון נסיונות, און דאס קען נישט זיין אויב אונז האב מיר נישט די מעגליכקייט אונז זאל מיר דאס קענען דא זיגן.

**נאר** וואס דען, אונז דארף מיר זיך מתבונן זיין וואס זענען די וועגן אז מיר זאלן קענען צוקומען צו דעם ריכטיגן וועג וואס זענען די כלים אז דורכדעם זאל מען קענען שטייגן און זיך מתגבר זיין אויף אלעם וואס גייט אדורך.

**איך וויל זאגן א פאר נקודות. מען קומט זיך דאך נישט צוזאם אונזער גאנצער קהלה יעדן טאג, נאר איינמאל אין יאר, ווייל איך אויסנוצן די געלעגענהייט, און ארויסברענגען אפאר נקודות. און איך בין זיכער אז ווער עס וועט זיך משתדל זיין און טון דאס וואס מיר גייען יעצט רעדן, וועט ער זעהן במשך פון די צייט א געוואלדיגן התעלות, סיי אין זיין הנהגה און סיי אין זיין עבודת ה׳.**

---

## מעלת עבודת התפלה, להכיר שהכל תלוי בידו של הקב״ה המשגיח עליו

---

**יעדער** ווייסט די געוואלדיגע כח פון עבודת התפלה, פון דאווענען. על שלשה דברים העולם עומד, איינס דערפון איז עבודה, תפלה (אבות א-ב). תפלה איז צוזאמגעשטעלט פון צוויי זאכן. איינס, די עצם זאך וואס א יוד שטעלט זיך פארן אייבערשטען בעטן אויף זיינע צרכים. א יוד גלייבט אינעם אייבערשטען, ער איז מכיר אז אלעס איז תלוי אין די הענט פונעם באשעפער, דער אייבערשטער איז משגיח אויף אים מיט אן השגחה פרטית, דער באשעפער גיט דיר דיין לעבן, דער אייבערשטער גיט דיר דיין געזונט, דיין פרנסה, דיין הרחבת הדעת, נחת פון די קינדער, אלעס איז איין אדרעס. אלעס וואס איז אנגעשריבן פון אויבן, דאס גייסטו האבן.

**ווען** א מענטש שטעלט זיך דאווענען, גיסט ער אויס זיין הארץ פארן אייבערשטען אויף אלעם וואס עס פעלט אים. און דער אייבערשטער איז א שומע תפלת כל פה, ער הערט צו יעדע תפלה וואס א יוד דאווענט, און ער ענטפערט אויף יעדע תפלה. נישט אייביג תיכף, אמאל נעמט עס צייט. אמאל באקומט מען תיכף די ברכה וואס מען האט געבעטן, און אמאל נעמט צייט ביז מען באקומט עס. עס שטייט אין מדרש (דב״ר ב-יז), יש תפלה שנענית לארבעים יום, עס איז דא א תפלה וואס נעמט פערציג טאג ביז די תפלה ווערט אנגענומען. עס איז דא וואס מען ווערט געענטפערט צו צוואנציג טאג, לשלשה ימים, ליום אחד, אמאל אין זעלבן טאג, ויש תפלה שעד שלא התפלל אותה מפיו, בעפאר מען האט עס נאך ארויסגעזאגט פונעם מויל, הקב״ה יענהו, ענטפערט אים שוין דער אייבערשטער. תפלה האט א געוואלדיגן כח.

**אונז דארף מיר בעטן פאר זיך אליין, מתפלל זיין יעדן טאג פאר זיך, אז דער אייבערשטער זאל אים העלפן, ער זאל קענען ניצול ווערן פון די נסיונות פונעם זמן. דער**

**באשעפער זאל עפענען זיין הארץ, די הארץ פון זיין בני בית, און די הארץ פון זיינע קינדער, הוא יפתח לבנו בתורתו וישם בלבנו אהבתו ויראתו, זיך אויסגיסן דאס הארץ פארן אייבערשטען, געב אריין אין מיין הארץ, אהבת ה', יראת ה', למען לא ניגע לריק, אונז זאל מיר זיך נישט דארפן פלאגן, און אוועקגיין פון די וועלט ליידיג.**

**דער** בריסקער ראש ישיבה רבי דוד זצ"ל, וואס איז יעצט נסתלק געווארן, פלעגט נאכצוזאגן פון זיין פאטער, אז ער האט געזעהן אמאל ווי א יוד איז אריינגעקומען צו זיין פאטער, און ער האט געבעטן א ברכה פאר די הצלחה פון זיין קינד. האט אים דער בריסקער רב געענטפערט אזוי: א תלמיד חכם וועט ער וואקסן, וויפיל תורה דו וועסט מיט אים לערנען. וויפיל דו וועסט אים צושטעלן צו תורה, אזא תלמיד חכם וועט ער אויסוואקסן. **א ירא שמים וועט ער אויסוואקסן, לויט וויפיל טרערן דו און דיין ווייב וועלן פארגיסן פאר אים!** וויפיל טרערן עטץ וועטס פארגיסן פאר ענקערע קינדער, אזוי וועט זיין זייער יראת שמים. - יראת שמים ווענדט זיך, וויפיל א טאטע איז מתפלל פאר א קינד, וויפיל א מאמע וויינט זיך אויס ביי לעכט בענטשן אויף א קינד, דאס גיט אריין די יראת שמים פון הימל. הוא יפתח לבנו בתורתו, וישם בלבנו אהבתו ויראתו.

**און** אויב עס העלפט צו יראת שמים פאר די קינדער, העלפט עס ווען א מענטש איז מתפלל פאר זיך אליין. אזוי שטייט אין חז"ל (ב"ר נג-יד) יפה תפלת החולה מתפלת אחרים עליו, עס איז בעסער די תפלה וואס א קראנקער דאווענט אויף זיך, פון וואס א צווייטער בעהט, והיא קודמת להתקבל, עס ווערט פריער נתקבל א תפלה וואס מען בעהט אליין. בעטן פאר זיך, מתפלל זיין, און נישט נאכלאזן פון תפלות. זאג איין מאל אין טאג א קאפיטל תהלים פאר דיין קינד. זאג א קאפיטל תהלים פאר דיר, דו גייסט ארויס צו די ארבעט, זאג: רבונו של עולם העלף מיר, איך גיי ארויס, איך האב אזויפיל נסיונות אויף די גאס, זיי מיך מציל, היט מיך. אז דו וועסט בעטן נאכאמאל און נאכאמאל, וועט עס עושה רושם זיין, ביז מען ווערט געהאלפן פון אויבן פונעם הימל. - דאס איז איין חלק פון תפלה. וואס א יוד איז מתפלל און ער בעט.

## התבוננות בגדולת הבורא מוליד בנפש האדם אהבה רבה לקונו

**עס** איז אבער דא נאך א גרעסערער ענין אין תפלה. לעולם יסדר אדם שבחו של מקום ואחר כך יתפלל (ברכות לב.), א מענטש זאל מסדר זיין, זאגן קודם דעם שבח פונעם אייבערשטען, און נאכדעם איז מען מתפלל. אזוי האבן די חכמים אויסגעשטעלט די תפלות, יעדע תפלה הייבט זיך אן מיט שבחו של מקום.

**דער** התבוננות ווען א יוד דאווענט שטאט, און ער טראכט אריין וואס ער זאגט, ער טראכט אריין אין די גרויסקייט פונעם אייבערשטען, בשעת ער איז מסדר די שבחים של מקום, דאס ברענגט אריין אינעם נפש פונעם מענטש, א ליבשאפט צום אייבערשטען, אן אהבה רבה ברענגט עס אריין צום בורא עולם. אזוי שטייט אין רמב"ם (הל' יסודי התורה ב-ב), דער רמב"ם זאגט, 'והאיך היא הדרך לאהבתו ויראתו', וואס איז דער וועג דו זאלסט צוקומען ליב צו האבן דעם אייבערשטען, און מורא האבן פונעם אייבערשטען, זאגט דער רמב"ם, 'בשעה שיתבונן האדם במעשיו', ווען א מענטש איז זיך מתבונן אין די מעשים פונעם אייבערשטען, 'ובראויו הנפלאים הגדולים, ויראה מהם חכמתו שאין לו ערך ולא קץ', און ער זעהט די חכמה וואס עס ליגט אין די בריאה פון די וועלט, זאגט דער הייליגער רמב"ם, 'מיד הוא אוהב', באקומט ער אן אהבה צום אייבערשטען, 'ומשבח ומפאר', און ער לויבט און ער רימט, 'ומתאוה תאוה גדולה לידע השם הגדול', ער הייבט אן צו גליסטן צום אייבערשטען. צמאה לך נפשי, כמה לך בשרי, דאס איז ווען א יוד דאווענט, ער זאגט ארויס די ווערטער פון די תפלה, און ער איז זיך מתבונן דערין, כמו שאמר דוד (תהלים מב-ג) צמאה נפשי לאלקים לא-ל חי. 'וכשמחשב בדברים האלו עצמן', זאגט דער רמב"ם, ווען א מענטש טראכט דערין, 'מיד הוא נרתע לאחוריו', באקומט ער א ציטער אויף צוריק, 'ויפחד', און ער באקומט א פחד פונעם אייבערשטען, 'ויודע שהוא בריה קטנה', און ער

ווייסט אז ער איז א קליינע בריה, 'שפלה' א נידריגע בריה, 'אפלה', א טונקעלע בריה, 'עומדת בדעת קלה מעוטה', זיין שכל איז א קליינער שכל, 'לפני תמים דעות', אקעגן דעם אייבערשטען.

**וועו א מענטש דאווענט געהעריג, מלה במלה, ווארט נאך ווארט, און ער איז זיך מתבונן אין די דיבורים וואס ער זאגט יעדן טאג ביים דאווענען, גייט ער ארויס פונעם דאווענען אנגעפולט מיט יראת שמים, מחוזק אין אמונה, וואס דער דאווענען האט אים געברענגט. א בטחון, זיך פארלאזן אויפן אייבערשטען. א שמחת החיים אין אלע זיינע מצבים, אלעס קומט פונעם דאווענען, און אלע הבלי עולם הזה ווערן בטל אין זיינע אויגן, אקעגן צו טון דעם רצון פונעם אייבערשטען.**

**דאס** איז דער כח פון תפלה, אויסערדעם וואס א יוד איז מתפלל און בעהט. דאס התבוננות וואס ער טראכט אריין אין פסוקי דזמרה, אין די גרויסקייט פונעם אייבערשטען, איז מוליד א אהבה און א יראה צום באשעפער.

### תפלה במתינות ובהתבוננות, עכ"פ ביום אחד מימי השבוע

**וועט** מען זאגן, דאס איז גוט פאר די וואס זענען כולל יונגעלייט, זיי האבן צייט, זיי זיצן באהלה של תורה, זיי האבן צייט אוועקצוגעבן פארן דאווענען, זיי דארפן זיך אוועקגעבן פאר עבודת התפלה. אבער רוב בני אדם זענען דאך פארנומען, צופרי דארף מען גיין ברענגען פרנסה, זיי קענען נישט דאווענען שטאטערהייט, מיט אן התבוננות, אז די תפלה זאל ביי זיי פועל'ן, עס זאל זיי ברענגען צו די דרגה וואס מען האט פריער גערעדט. דאס דאווענען איז אסאך מאל נאר אזוי ווי מצות אנשים מלומדה.

**איך** וויל אבער געבן אן עצה. עס איז דא איין זאך וואס יעדער קען טון, און עס איז א דבר השוה לכל הנפש, פאר יעדן איינעם. **איין טאג אין דער וואך זאל ער מקדיש זיין צו דאווענען מיט א מנין וואו מען דאווענט שטאט. דאווענען תפלת שחרית במתינות.** עס נעמט נישט לאנג. א פערטל שעה, צוואנציג מינוט, פינף און צוואנציג מינוט מער. איין טאג אין דער וואך! יעדער האט א טאג אין דער וואך וואס ער איז נישט אזוי פארנומען ווי די איבריגע טעג. דעם איינעם טאג זאל ער מקדיש זיין, היינט גיי איך דאווענען אין א מנין ווי מען דאווענט שטאט, איך זאל האבן צייט מכוון צו זיין די פירוש המילות פונעם דאווענען.

**אדער**, אפילו עס איז אים שווער צו גיין זוכן פרישע מנינים, **אין דעם מנין ווי ער דאווענט שטענדיג, זאל ער איין טאג אין די וואך קומען פופצן מינוט פריער צום דאווענען פון זמן תפלה**, און ער זאל אנהייבן צו דאווענען בעפאר דער ציבור דאווענט, ער זאל קענען אנקומען צו די שמונה עשרה צוזאמען. ער זאל קענען דאווענען במתינות, ער זאל קענען מכוון זיין פירוש המילות. און אז ער קען, זאל ער נעמען א סידור וואס האט אין זיך די טייטש, וואס עס וועט אים זיין גרינגער מכוון צו זיין, וועט ער זעהן מיט די אייגענע אויגן, **אז דעם התבוננות וואס ער האט נאך דעם דאווענען, ווען ער וועט אוועקגיין פון בית המדרש, וועט אויפפלאמען זיין הארץ צו אהבת ה' און יראת ה', עס וועט זיך טוישן זיין הנהגה פון וואס ער איז געווען, ער וועט חרטה האבן אויף אסאך זאכן וואס איז אדורכגעגאנגען פאר דעם אויף אים. עס וועט מעורר זיין דעם השתוקקות צום אייבערשטען, וואס יעדער יוד האט ביי זיך טיף אינעם הארץ. עס וועט אים געבן חיזוק אויף עבודת ה'. עס וועט אויף אים איבערלאזן א רושם, אז דער גאנצער טאג שפעטער אין דער ארבעט, וועט זיין אן אנדערער טאג.** ער וועט אנהייבן צו שפירן א טעם וואס דאס מיינט א תפלה. וואס דאס מיינט א תענוג וואס ערליכע יודען האבן בשעת זיי דאווענען.

**טעמו** וראו כי טוב ה', פרובירט עס אויס, איין טאג אין די וואך, נישט קיין סאך, מען רעדט פון א פערטל שעה צוגעבן, צוואנציג מינוט, א האלבע שעה, דאווענען איין טאג א נארמאלע דאווענען, וועט עטץ געוואויר ווערן

וואס תפלה איז. מען וועט געוואויר ווערן וואס ליגט אין תפלה. וויפיל חיזוק מען נעמט ארויס פונעם דאווענען.

**און** ברבות הימים, ווען מען וועט זיך צוגעוואוינען דערצו, וועט ער צוגעבן נאך א טאג, און צוויי טעג, זיך אויסלערנען צו דאווענען שטאט, און דורכדעם וועט ער משנה זיין זיין גאנצן מהות פון וואס ער איז געווען, אז ער וועט שפירן א טעם און א חיות אין עבודת ה׳.

## לנצל יום השבת קודש – יום מנוחה וקדושה לעבודת ה׳

**די** צווייטע נקודה, שבת קודש. מתנה טובה יש לי בבית גנזי, ושבת שמה, ואני מבקש ליתנה לישראל, לך והודיעם (שבת י:). דער אייבערשטער האט אונז געגעבן א מתנה טובה, **דער שבת׳דיגער טאג איז א מתנה טובה וואס יעדער יוד האט. דער שבת איז א יום מנוחה וקדושה**, א טאג וואס מען רוהט, און א טאג וואס איז הייליג. מען איז פריי פון די ארבעט, מען דרייט זיך נישט מיט קיין גוים א גאנץ שבת, די קדושה פון שבת רוהט אויף יעדן יוד עקסטער, ולא נתתו ה׳ אלקינו לגויי הארצות ולא הנחלתו מלכנו לעובדי פסילים. ווען דער שבת׳דיגער טאג איז ביי א יוד מוקדש פאר קדושה, לאזט עס איבער א רושם אויף די גאנצע וואך. אפילו ווען ער וויל רוהען שבת, ער איז אפגעמוטשעט פון די גאנצע וואך, און ער וויל זיך אויסרוהען איינמאל אין די וואך, געב אוועק צען שעה שבת פאר שלאפן, צען שעה.. בלייבט נאך אלץ איבער פערצן שעה, וואס מען קען נאך דינען דעם אייבערשטען!

**וואס** זאל ער טון אין דעם שבת וואס איז ער מקדיש פארן אייבערשטען? קודם, די תפילות אין שבת, דאווענען שטאטער. ער האט צייט, ער יאגט זיך נישט, ווער שטערט דיך צו דאווענען שבת ווי א נארמאלער יוד דארף צו דאווענען מיט מתינות. **מער זיך מתבונן זיין אין דאווענען פון וויפיל עס קומט אויס איבער די וואך. די שבת׳דיגע סעודות זאלן זיין הייליג, מרבה זיין שירות ותשבחות פארן אייבערשטען, רעדן דברי תורה אין שטוב, פארציילן סיפורי צדיקים, אנצווארעמען די הארץ פון זיך, און די הארץ פון די קינדער.** אז מען האט א געלעגנהייט זיך צוזאמצוקומען פרייטאג צו נאכטס מיט חברים, א חבורה פון יראי ה׳, איז זייער חשוב. מזמן לזמן אז מען קען גיין צו א טיש פון אן ערליכן יוד, הערן דברי תורה און מוסר, האט א געוואלדיגן חשיבות. עס איז נישט דומה שירות ותשבחות וואס א מענטש זאגט אליין פאר זיך, צו ווען רבים קומען זיך צוזאם, און מען זאגט שירות ותשבחות פארן אייבערשטען.

**בעיקר** שלש סעודות, די סעודה פון רעוא דרעוין, מען איז שוין אויסגערוהט, **גיין אויף א פלאץ ווי מען קען הערן דברי תורה, ווי מען קען הערן מוסר.** לא אלמן ישראל, איבעראל איז דא פלעצער וואו מען איז מאריך אין שלש סעודות, און מען האט די געלעגנהייט אז מען זאל קענען דארט מקבל זיין.

**ועל** כולם, נעמען שבת איין האלבע שעה, לערנען א חסידיש ספר, לערנען מוסר, רואיגערהייט, זיך מתבונן זיין מה חובתי בעולמו, פארוואס דריי איך זיך ארום אויף די וועלט, צו ארבעטן און צו פארדינען געלט?! איך האב דאך עפעס וויכטיגערס צו טון. ווי אזוי איז אדורך מיין פאריגע וואך, ווי אזוי גיי איך זיך מסדר זיין אויף די קומענדיגע וואך. - **עס איז נישט קיין ספק, אז ווען א מענטש וועט אזוי אפרעכטן א שבת, וועט עס האבן א רושם אויף די גאנצע הנהגה נאכדעם, פון די קומענדיגע וואך.**

**מיר** שטייען נאנט צו פורים. ביום השביעי כטוב לב המלך ביין (אסתר א-י), און די גמרא (מגילה יב:) פרעגט, עד השתא לא טב לביה בחמרא. זאגט די גמרא, אז יום השביעי איז געווען יום השבת, וואס ישראל אוכלין ושותין ומתחילין בדברי תורה ובדברי תשבחות, ביי גוים איז נישט אזוי. די ישועה וואס האט זיך אנגעהויבן ביי יודען האט זיך אנגעהויבן דעמאלטס ביי די מאלצייט פון אחשורוש, דעמאלטס האט מען גע׳הרג׳עט ושתי, דעמאלטס איז געווארן פריי דער וועג אז אסתר זאל אריינקומען אין בית המלכות.

**יודען** זענען אבער נישט געווען ראוי צו די ישועה. עס איז דאך נהנו מסעודתו של אותו רשע. מען האט נישט געקענט מעורר זיין די ישועה אויבן אין הימל. עס איז געקומען ביום השביעי, א טאג וואס יודען זענען עוסק בשירות ותשבחות, איז ביי יעדן יוד נתנוצץ געווארן א הרהור תשובה אויף וואס עס איז אדורכגעגאנגען די וואך. ער האט זיך געמאכט א חשבון, וואס האב איך געטון די וואך, איך בין געזעסן ביי א מאלצייט ביי אחשורוש, צוזאמען מיט גוים בין איך געזעסן און זיך אונטערגעהאלטן. און א סעודה וואס מען מאכט אויפן חורבן פון בית המקדש, וואו איז מיין פלאץ געווען דארטן? יעדער יוד האט זיך מתבונן געווען אין שבת, וואס עס איז אדורכגעגאנגען אויף אים, און ער האט געהאט הרהורי תשובה. - ביום השביעי, ווען עס איז אנגעקומען דער יום השביעי וואס יודען געבן אוועק פאר א שבת, אין דעם טאג ווערט מען מער נתעורר, דעמאלטס איז געקומען די ישועה כטוב לב המלך ביין.

## התרחקות מחבר רע, ולהתחבר לצדיקים ויראי ה'

**א** דריטע נקודה. זיך מתרחק זיין פון שוואכע חברים. עס איז דא היינט זייער אסאך וואס זענען שוואך אין יודישקייט. **אז מען זעהט אויפן חבר אז ער הייבט אן נאכצולאזן, ער ווערט קאלט, ער איז א קל במעשיו, אדער אין זיין השקפה. ער האט א קאלטקייט אין עבודת ה', האק דיך אפ פון אים! ער וועט דיך נאר אראפפירן, וועסט נישט קויפן ביי אים קיין יראת שמים.** אין רמב"ם (ה' דעות ו-א) שטייט, אז דער סדר פון א מענטש איז, אז ער ווערט נמשך בדעותיו ובמעשיו נאך די חברים. האק דיך אפ פון שוואכע חברים. זוך דיר גוטע חברים! זיי דיך מדבק מיט ערליכע יודען, הולך את חכמים יחכם (משלי יג-כ), ווי עס שטייט אין מדרש (פדר"א כה), אז ווען איינער גייט אריין לבית המרקחים, אפילו ער האט גארנישט גענומען. ער איז אריין אין א פלאץ פון בשמים, גייט ער ארויס מיט א ריח טוב, מיט א גוטן ריח.

**אויב** דאס איז געווען א יסוד אין אלע דורות, אז מען זאל זיך דרייען ביי ערליכע יודען, על אחת כמה וכמה אין היינטיגע צייטן, וואס דער רוחות פון מינות און אפיקורסות און השחתה, נעמען ארום דעם מענטש אין וועלכן ווינקל ער שטייט. **ווי וויכטיג איז אז מען זאל האבן חברותא מיט חכמי ישראל.** - און כל שכן וואספארא תועלת דאס האט אויף קינדער, אז די קינדער זאלן גיין אויפן ריכטיגן וועג. מען זעהט ווי א טאטע שעצט תורה, ער שעצט תלמידי חכמים, ער איז זיך מחבר מיט זיי, חנוך לנער על פי דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנו.

## קביעות עתים לתורה, והמאור שבה יבעיר את לבו לעבודת בוראו

**דער** עיקר איז, קביעת עתים לתורה. יעדן טאג האבן א שיעור, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:). דער אייבערשטער זאגט, הלואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו, שהמאור שבה מחזירו למוטב (איכ"ר פתיחתא ב), דאס לערנען וועט דיך מחזיר זיין למוטב, **אפילו דו שפירסט ביי דיר אויסגעלאשן, שפירסט אז דו ביסט א בעל עבירה, לאז נישט נאך דאס לערנען, דאס לערנען וועט דיך צוריק ברענגען דערצו אז דו זאלסט קענען דינען דעם אייבערשטען.**

**תורה** איז נמשלה לאש (תענית ז.), די פייער פון תורה פארברענט יעדע שלעכטע זאך וואס איז דא אינעם מענטש. אפילו מיר זעהן נישט אסאך מאל די פירות דערפון תיכף, אבער אז חז"ל זאגן אונז אזוי, זענען זיי באגלייבט אז דער סוף וועט זיין, עס וועט אים מחזיר למוטב זיין.

**מען** לערנט ביי אונז אין די קהילה 'ובהם נהגה', מען הייבט יעצט אן א נייע מסכת, א קליינע מסכת, מסכת מועד קטן, מען קען עס מסיים זיין ביז צום זומער. עס איז די צייט אז מען זאל זיך צושטעלן, ווער עס האט זיך נישט צוגעשטעלט, מיט די הונדערטער חברים וואס זענען צוגעבינדען צו די חבורה.

**איך** האב מהרהר געווען היינט ביים דאווענען, הנותן שלג כצמר, כפור כאפר יפזר, משליך קרחו כפתים, לפני קרתו מי יעמוד. ישלח דברו וימסם, דער אייבערשטער שיקט זיין רייד, און ער טוט עס צעלאזן, ישב רוחו, זיין ווינט הייבט אן צו בלאזן, יזלו מים, עס צוגייט אויף וואסער, מגיד דבריו ליעקב חקיו ומשפטיו לישראל (תהלים קמז-טז). עס האט נישט קיין שייכות די רישא מיט די סיפא, וואס האט ער עס צוגעשטעלט?

**נאר** דער פשט דערפון איז, מען זעהט אז שניי, אייז, איז זייער קאלט. אבער ווען דער אייבערשטער טוט בלאזן דערויף א ווארימע ווינט, צוביסלעך הייבט זיך עס אן צוצולאזן, עס טוט זיך דערווארימען און עס ווערט וואסער. דער מענטש איז אויך אזוי. **ווען א יוד שפירט אז זיין יודישקייט איז קאלט, ער איז א שטיק שניי, ער איז א שטיק אייז, ווען עס הייבט אן צו בלאזן אויף אים, די רוח פון תורה, וואס די תורה איז הלא כה דברי כאש, הייבט זיך אן אויפצולאזן דאס קאלטקייט וואס דער מענטש האט.**

**זאגט** דער פסוק, אזוי ווי דער אייבערשטער איז נותן שלג כצמר, כפור כאפר יפזר, און ווען עס איז ישב רוחו, יזלו מים, עס ווערט אויפגעלאזט דער אייז. זאלסטו וויסן אז אזוי איז די תורה, מגיד דבריו ליעקב, עס האט דעם זעלבן כח אויף דיר, אפילו ווען דו ביסט קאלט אין יודישקייט, וועט די תורה מאכן אויף דיר א רושם.

## נשמות חכמי ישראל שנעדרו, יעוררו רחמים בעדנו למעלה

**מיט** דעם וועל איך ענדיגן. עס איז דא יעצט א געוואלדיגער עת רצון אויבן אין הימל, די נשמות וואס געפונען זיך דא פון די אלע וואס מען האט מספיד געווען, גייען יעצט צוריק אויבן אין הימל למקום מנוחתם, זיי אליין רובם זענען געליטענע פון די מחלה וואס גייט ארום יעצט אין די וועלט, זיי זענען קוים אוועק פון די וועלט, זיי האבן נאכנישט פארגעסן פון די צרות פון כלל ישראל, וואס יודישע קינדער האבן זיך געהויבן זייערע אויגן, און זיך געוואנדן צו זיי שטענדיג ביים לעבן, אז זיי זאלן מתפלל זיין אויף אונז.

**עס** איז זיכער אז זיי גייען ארויף יעצט אויבן, זאלן זיי מעורר זיין רחמים על אחינו בני ישראל וואס זענען נתונים בצרה ובשביה, ובפרט אויף דעם ציבור וואס האט זיך צוזאמגענומען לכבודם. ויסיר מהם כל מחלה, וירפא לכל גופם, וישלח ברכה והצלחה בכל מעשי ידיהם, אז זיי זאלן זיין מליצי יושר פאר אונז אלע.

**און** צוריק גיין מעין הפתיחה. איך בעהט פונעם אייבערשטען, אז די אלע דיבורים וואס מען האט געהערט, נישט לאזן אין בית המדרש. נישט לאזן עס דא. **זיך מתבונן זיין יעדער איינער ביי זיך, עס איז אן עת צרה, יעדער דארף טון עפעס וואס ער קען, זיך צו פארבעסערן די מעשים. מיר זאלן זוכה זיין צו האבן א לב שומע, אז ווען מען הערט דברי תורה זאל עס אריינגיין אינעם הארץ. מען זאל זיך נעמען צום הארץ, זעהן וואס מען קען טויישן.** זיך מתבונן זיין ווען מען גייט ארויס פון א דרשה, מיט וואס גיי איך אהיים יעצט? וואס גיי איך יעצט טון אין שטוב אנדערש פון וואס איך האב געטון נעכטן. וואס פארא דבר טוב גיי איך מיט מיר מיטנעמען יעצט. מען בעהט נישט קיין גרויסע זאכן, אבער פארנעמען אויף זיך כאטש עפעס א קלייניגקייט. למען לא ניגע לריק, נישט אפזיצן דא און הערן ווערטער וואס מען איז נישט דערביי, אז מען זאל עס שפעטער מקיים זיין. פאר דעם קומט זיך רציעת האוזן על הדלת, ווי מען האט פריער גערעדט. זיך מיטנעמען מיט זיך פון די נקודות וואס מען האט גערעדט.

**עס** איז אין ספק אז ווען מען וועט זעהן צו טון וואס מען האט פריער גערעדט, אז די עבודת התפלה כאטש איינמאל אין וואך זאל זיין א נארמאלע תפלה ווי מען דארף צו דאווענען. אז דו וועסט נעמען דעם שבת קודש, דער שבת זאל זיין קודש לה׳ הייליג פארן אייבערשטען. מען זאל זיך מחבר זיין מיט ערליכע יודען, מען זאל עוסק זיין בתורה, וועט מען זעהן אז מען וועט געטוישט ווערן, מען וועט ווערן אנדערש פון וואס ער איז געווען. ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, וכימי מור והדס הושעת בניך, זאלן מיר זוכה זיין אין די טעג צו געוואלדיגע ישועות.

**זאל** דער אייבערשטער אונז אויך בענטשן, מיר זאלן קענען אריינגיין אין די ימי השמחה מיט א פריילעך הארץ, ויקבץ נדחינו מארבע כנפות הארץ, בעגלא ובזמן קריב, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

**ניתן לשמוע הדרשה במילואו**
**חלק הדרוש • הספדים • דברי מוסד והתעוררות**
**במערכת "קול מעדני מלך וויען"**
**718.400.7710-7**

**ההפצה נדבת, הס"ד הי"ו, לתועלת הרבים**